STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07322

DER VEG OYF VARSHE

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינעם העלער

דער זועג אויף ווארשע

פאעמע

בינעם העלער

דער וועג אויף וואַרשע

פּאָעמע

ווארשע 1955 פאַרלאַג „יידיש בוך"

BINEM HELLER

DROGA NA WARSZAWĘ

Poemat

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 2172. Nakład 5.500 egz. Druk. ukończono w styczniu 1955 r.
Ark. druk. 7,75. Ark. wydawn. 5. Papier druk. sat. III kl. 61x66 cm 80 g.
Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-55318

קאַפּיטל איינס

1

אַ גאַנצן טאָג איז ער שוין אָפּגעפֿאָרן,
ער האָט זיך צו דער גרענעץ-שטאָט דערנענטערט.
דער הימל איז דאָ טונקעלער געוואָרן,
די ערד — ווי אָפּגעשניטן און געפּענטעט.

און איצטער שפּאַנט ער אויף באַקאַנטע וועגן.
דאָ ערגעץ איז זיין שטוב, זיין היים די נייע;
דאָ האָט מען אים מיט ברויט און פֿרייד באַגעגנט,
אויף יענער זייט פֿון פּוילן און פֿון פֿייער.

געוויס, נישט שטאַרק נאָך האָט ער זיך דערווייטערט
פֿון יענעם זומער ניינצן ניין און דרייסיק.
אַ יאָר צי צוויי — די וווּנד איז פֿריש און אייטערט,
ווי דאָרט — די מוטנע זידנדיקע ווייסל.

אַ יאָר צי צוויי? ניין, דאַכט זיך, אַז ערשט נעכטן
האָט הינטער אים די ערד זיך איינגעבראָכן,
און אין זיין לאַנד, ווי גלות אָפּצוריכטן,
געוואָגלט האָט ער שווערע טעג און וואָכן.

עס האָבן די געפּאַנצערטע מאָטאָרן
גענישטערט אין דעם בליאַנקענדיקן הימל,
און דאָרטן, וווּ דער דייטש איז דורכגעפֿאָרן —
האָט איילנדיק געוועלקט דאָס לעצטע בלימל.

נאָר אים אַליין — דער טויט האָט נישט געפֿאַנגען,
אים האָט דער אומקום נישט געקאָנט דערגרייכן —
ער האָט באַוויזן צו דער ערד דערלאַנגען
און צו דער פֿאָן — פֿון אויסלייזונג דער צייכן.

2

אָט וועגן וואָס דער לערער הורוויץ טראַכט איצט,
ווען ער דערזעט זיך ביי דער שול־געביידע.
ביים סאַמע ראַנד פֿון גרענעץ און פֿאַרנאַכטצו,
אים דאַכט זיך, אַז ער שטייט שוין פֿון אַ צייט דאָ.

אין שול איז שטיל, די זאַלן שטייען ליידיק,
די פֿענצטער צו דער גאַס־צו זענען אָפֿן.
ער זעט נאָך איצט, ווי אימפּעטדיק און פֿרייִדיק
די קינדער זענען דעמלט זיך צעלאָפֿן.

דער לערער הורוויץ בייגט זיך אָן אין פֿענצטער,
און שמייכלענדיק, מיט פֿאַרגעניגן קוקט ער:
דאָ איז זיין קלאַס, דער קלאַס פֿאַר סאַמע קלענסטע,
מיט נידעריקע בענק צונויפֿגערוקטע.

ניין, ניין, ער האָט אין וועג זיי נישט פֿאַרגעסן,
זיי זענען אים דאָרט נישט אַרויס פֿון רעיון:
אַן איבעריקן טאָג אין מינסק געזעסן,
באַקומען זיי אַ לערנבוך אַ נייעם.

געבראַכט פֿאַר זיי אַן אַלף־בית אויף יידיש,
וווּ אָרנאַמענטן יעדעס אות באַצירן,
וווּ יעדעס וואָרט זיך עפֿנט ווי אַ חידוש,
ווי ס'עפֿנט זיך אַ בלום אויף אין קאָלירן.

ער שטעלט זיך פֿאַר די שיינענדיקע בליקן
פֿון חברה קליינוואַרג, זייער היים געפֿילדער,
די שנעלע אויסגעשרייען פֿון אַנטציקונג —
האָט אַלץ אין פּוסטן לערנזאַל דערפֿילט ער.

ער רייסט זיך אָפּ, און מיטאַמאָל דערזעט ער
אַ שיין אין זיינע פענצטער בלוילעך־מאַטע.
עס וואַרט אויף אים אין אַט דער שעה דער שפּעטער
זיין קינד, זיין פרוי און אויך איר אַלטער טאַטע.

און ער דערשפּירט שוין יענע שטילע ריחות
פון שטוביקייט און היימישע מאכלים —
די איינגעזעסנקייט די קוים דערגרייכטע
נאָך קאַרגע אַנדערהאַלבן יאָר פון שלום.

3

און ווען ער עפנט אויף די טיר פון צימער,
באַגעגענען אים פריידיקע געשרייען.
און מיט דעם קלאַנג פון זיין באַקאַנטער שטימע
די שטוב די גאַנצע הייבט זיך אָן צו פרייען.

ווי שטענדיק, נאָך דער סאַמע קירצסטער רייזע
אים ווייזט זיך אויס, אַז עפּעס איז דאָ אַנדערש;
אַז בלייכער איז די פרוי פון דעם אַליין־זיין,
אַז זי טראַגט אויס די מידקייט פון זיין וואַנדער;

און אַז דאָס פּיצל בלאָנד און בלויקייט — אסתּר —
וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון ווייב מיט ליבע,
נעמט אָן מיט בלוט זיך און מיט כוחות בעסטע,
וואָס גייען פון דער מאַמען צו איר איבער.

נאָר דאָ אין שטוב איז עמעץ נאָך פאַראַנען,
וואָס קוקט זיך צו צו אַלעם מיט אַ שמייכל:
ער ווייסט, דער איידעם וועט זיך באַלד דערמאַנען
און אויף זיין „שלום"! ענטפערן „עליכם!"

ער האָט שוין זיינע דראַטענע שפּאַקולן
אַוועקגעלייגט אין אויפגעמישטן ספר,
ווו אַלע ווערטער שטייען שטענדיק פולע,
די בלעטער — ווי פאַרסמאַליעט פון אַ שׂרפה.

— ווי גוט, מיין אײדעם, וואָס דו ביסט געקומען,
ס'איז בעסער איצט צו האַלטן זיך אינאײנעם.
איך פֿיל, אַז ס'האָט אַן אומגליק זיך פֿאַרנומען
און איצט פֿאַרמײדן וועט ער שוין נישט קײנעם.

— וואָס רעדט איר, שווער, וואָס האָט זיך אײך געחלומט?
איך קום דאָך איצטער פֿון דער וועלט דער גרויסער.
אין אַלע שטעט פֿון לאַנד איז איצטער שלום,
אויף אַלע פֿעלדער ליגט דאָס ברויט אינדרויסן...

דער לערער הורוויץ פּאַקט דעם טשעמאָדאַן אויס,
און טײלט פֿון דאָרטן גוטס פֿאַר אַלע דרײַען,
ווו צווישן זיס און שמעקנדיקס — פֿאַראַן איז
פֿאַר אים, דעם שווער, — אַ ביטערער ציגײַער.

4

אויף וויפֿל שעהן קאָן די פֿרײד דען סטײען
דעם קינד אין עלטער פֿון געציילטע יאָרן?
אינמיטן פֿון איר שפּילן זיך און שרײַען
אַנטשלאָפֿן איז זי מיטאַמאָל געוואָרן.

מיט פֿאַרזיכט האָט די מאַמע אויסגעטאָן זי,
אַוועקגעטראָגן זי אויף איר געלעגער
און מיט אַ קוש אַראָפּגעווישט פֿון פּנים
דעם שמײכל, וואָס איז אַלץ נאָך דאָרט געלעגן.

און שווײַגנדיק דעם מאַן דערלאַנגט אַ קאַרטל,
געשטעמפּלט מיט אַ היטלערישן שטעמפּל:
אַן אָדלער מיט אַ האַקנקרײַץ אַ שוואַרצן,
וואָס קוקט פֿון דאָרטן מיט רציחה טעמפּער.

דער מאַמעס האַנטשריפֿט קען ער אויסגעצײכנט,
בלויז ער פֿאַרנעמט פֿון דאָרט איר שטומע טענה,
פֿאַר אים איז דאָרטן יעדעס אות אַ צײכן
און יעדעס וואָרט — אַ נאָמען פֿאַר די פֿײַנען.

זי שרייבט: „איך האָב פאַרקויפט די לעצטע חפצים,
דאָס קלייד פון זיך, נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן?
דיין טאַטע וועט מיך אויך אַזאַ, פאַרשטייט זיך,
בכבוד־גדול נעמען אין גן־עדן".

5

און שטענדיק שטייט זי אויף פאַר זיינע אויגן,
אַזאַ ווי ער האָט איינמאָל זי געטראָפן:
ווי דעמלט זיצט זי ווידער אָנגעבויגן
אַריבער כוואַליעס לייוונטענע שטאָפן.

זי לייגט אַ לאַטע אויפן קלאָרן ליילעך,
די ווייסקייט רינט אַראָפּ איר פון די קניען.
זי ציילט געניי די שטעך אָפּ אַלע ווײַלע
די נאָדל מיטאַמאָל אַרויסצוציען.

צי איז זי אַלץ פאַרטאָן אַזוי אין נייען?
צי זעט זי אַלץ נאָכנישט אַרום זיך קיינעם?
צי פילט זי נישט, אַז ער וועט זי דערפרייען,
אַז מיט איר זון וועט זי באַלד זיין אינײַנעם?

און נאָר דערשפּירנדיק זיין טראָט דעם שטילן,
ערשט דעמלט הייבט האָס ליילעך אָן צו פאַלן.
אַרום די אויגן אונטער אירע ברילן
צעשיינען זיך די גוטע מאַמע־שטראַלן.

זי בעט ביים זון אַריינצוגיין אין צימער,
און אויפן טיש זי שטעלט פאַר אים דעם כיבוד,
נאָר עפּעס־וואָס דערהערט ער אין איר שטימע,
אַז זי וואָלט פראָסט און פשוט זיך צעכליפּעט.

. . . .

מיין גאָט, דאָס איז געווען אין שפּעטן זומער
פון יענעם יאָר — אין נײַנצן ניין און דרייסיק,
ווען ער איז אויף אַ ווייל אַהיים געקומען
איר אָנצוזאָגן טרויעריקע נייסן.

און באַלד דערנאָך געווען איז רעש און פייער,
און שפּעטער האָט דער דייטש די ערד צעשפּליטערט,
און אויף אַ שטיק פון איר איז, ווי אַ חיה,
די מאַמע אומגעלאָפן טויט־דערשיטערט.

און באַלד דערנאָך — דער דייטשישער נצחון
אַריינגעריסן האָט זיך צווישן ביידן.
די ערד האָט זיך אויף העלפטן צוויי צעבראָכן,
אַז זון און מאַמע זאָלן זיך צעשיידן.

6

דער דייטש האָט פּוילן צוגעדעקט מיט טרויער,
כאַטש העלדיש איז געשטאַנען וועסטערפּלאַטע.
און כאָטש מיט לייב און בלוט אַדורכגעמויערט
האָט וואַרשע אין דעם פייער אויפגעפלאַטערט.

און נישט דאָס ברויט — דער זומער, ווי פאַרשניטן
געוואַלגערט האָט זיך אויף די טויטן־פעלדער;
דאָס קאָרן האָט זיך אָנגעהויבן שיטן
אויף די פאַרגלייזטע אויגן פון די העלדן.

פון פּרייסן אָן געצויגן האָבן טאַנקען
און אָנגעטאָן די גאַנצע ערד אין קייטן,
און אויף דער ערד — דיביימער, ווי די קראַנקע,
געזאָכצעט האָבן, גלייך עס וואָלט זיי ווי טאָן.

די ווייסל האָט די פייערן געלאָשן
און איז געבליבן מוטנע, א צעמישטע,
און אויף איר גרונט — ווי בלינד און אָן לשון —
דאָס אומגליק האָט געדודערט און גענישטערט.

7

אַוועקגעפלויגן זענען בלויז באַצייטנס
די פייגל צו די אַלטע זומער־לענדער,
און האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרבייטן
די היים, וואָס האָט אָן אויפהער אַלץ געברענט דאָרט...

דער הימל איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען
מיט מאָדנע, פייערשפייענדיקע פייגל.
און אונטער זייער רויבערישן ברומען
דער קאָפּ האָט אַלץ געזוכט זיך אָנצובייגן.

אומזיסט, ס׳איז אַלץ געלעגן שוין צעשפּאָלטן
און פאַר דעם שונא — נאַקעט, אויפגעריסן,
נאָר וואַרשע, אַ פאַרברענטע, האָט געשאָלטן,
און יעדע חורבה האָט געגלאָצט פאַרביסן.

און ווי אויף ניסים האָט זי זיך געהאַלטן —
פון ערד צום הימל אַן ארויפגעשטאַרצטע,
מיט גוססדיקע קינדער און געוואַלטן,
מיט אירע ווענט — פון רויך און אַש פאַרשוואַרצטע.

און ביז דער ווינט האָט אויסגעקלאַפּט די זאַנגען,
און ביז דער האַרבסט האָט אויסגעוויקט די וועגן,
געהודיעט האָבן דייטשישע געזאַנגען
אינמיטן פון דעם אומעטיקן רעגן.

8

אין צימער איז דער שווער געבליבן אײנער
נאָך לאַנגן, שווערן שמועס מיטן אײדעם.
און אײנגעלײגט אין בעט דאָס בינטל בײנער,
האָט ער געגרייט זיך מיט זיין זאָרג צו שיידן.

געוואוג איז בלויז די אויגן צו פאַרמאַכן,
און ס׳עפנט אויף דער חלום אַלע טירן,
און ס׳נעמען זיך באַוועגן אַלע זאַכן,
און אַלע טויטע הייבן אָן זיך רירן.

אויף יענער זייט פון וואָרהאַפט און פון לעבן
האָט ער שוין לאַנג דאָס רוב פון זיין משפּחה.
בלויז אין זיין שלאָף זיי קומען שטיל צו שוועבן
און היפּערן אריבער אַלע שטחים.

ניש‍טאָ פֿאַר זיי קיין אָפּהאַלט, קיין סכּנה —
זיי גייען דורך בשלום אַלע פֿלאַמען.
און אַלץ — בכדי, אַז ער זאָל זיך דערמאָנען,
און אַלץ — בכדי צו זיין מיט אים צוזאַמען.

ער נעמט זיי אויף מיט גרויליקער הנאה,
און ער צעזעצט זיי אויף די ערטער פּוסטע.
ער אַנט דערביי, אַז ס׳הערט נישט אויף צו דראָען
אויף יענער זייט פֿון חלום — דער באַוווסטזיין.

9

דער אַלטער וואַכט. ער וועט שוין מער נישט שלאָפֿן,
ביז טאָג וועט אונטער אים דאָס בעט שוין סקריפּען,
די מוטנע אויגן וועלן בלייבן אָפֿן
און אויפֿגעשלאָסן זיינע דאַרע ליפּן.

דער חלום-ניגון הייבט זיך אָן צו טוישן
און גייט אַוועק אין פֿינצטערע מרחקים.
ער ווערט פֿאַרפֿאַלן דאָרט אין די גערוישן,
פּאַמעלעך, ווי אַ קול דממה דקה.

דער אַלטער וואַכט. אַ שטיין איז זיין צוקאָפּנס,
און אויף זיין האַרץ — ווי שטיינער זיינע זאָרגן.
און זיינע אויגן, ווי צוויי שוואַרצע טראָפּנס,
אין שטילקייט בלייבן פֿאַר דער וועלט פֿאַרבאָרגן.

געוויס, אַפֿריער גאָט, דערנאָך די טאָכטער,
וואָס ער האָט אויסגעמיטן יענעם גורל
פֿון הונגער-טויט, פֿון ווערן דאָרט געשאָכטן,
צי אין דער אומבאַוווסטקייט גיין פֿאַרלוירן.

נאָר צופֿיל האָט ער דאָרט פֿון זיך געלאָזן,
אַז ער זאָל קאָנען פֿון דער רו גענינסן.
אים דאַכט זיך אויס, אַז אַלע ווינטן בלאָזן
פֿון פּוילן — אויף צום קרענקען און פֿאַרדריסן.

און אַלע שמעקן זיי, ווי אויף להכעיס,
מיט יענע היימיש־וווּנטיקדיקע ריחות
פון אַלטן, איינגעפונדעוועטן נחת,
פון פראַצע און פון אָנגעלייגטע כוחות.

פאַרוואָס זשע זענען דאָרט די זין געבליבן?
אויף וואָס זשע האָבן זיי דאָרט אויסגערעכנט?
אַז נישט אויף לאַנג האָט זיך דער דייטש פאַרקליבן?
אַז גאָר אינגיכן וועט מען אים צעברעכן?

די גאַנצע וועלט געדאַרפט האָט זען און שטוינען,
ווי ס'הייבט זיך אויף אַ פאָלק פון אַלטן זיץ־אָרט,
און אין מיליאָנען קומען זיי באַוווינען
דאָס לאַנד, וואָס וועט פון אומקום זיי באַשיצן!

10

און אפשר זענען זיי, די זין, נישט שולדיק —
וואָס קאָן מען וועלן פון געיאָגטע יידן?
אויף צרות אויסשטיין איז דאָס פאָלק געדולדיק,
נאָר פון דער היים אַנטלויפן בלויז יחידים.

וואָס איז אַזוינס דען היים און וואָס איז לאַנד דען?
אויב נישט דער שאָטן אונטער ברייטע שטאַמען,
אויב נישט דער היפּוך פונעם וויסטן וואַנדער,
און האָס פאַרקערטע פון די פרעמדע ימען.

דער מענטש זוכט אויס זיך זוניקע מדינות,
בכדי אויפסנייי זיין לעבן איבערבויען,
נאָר אין דער היים דאָס גראָז איז שטענדיק גרינער,
די הימלען האַרטן זענען שטענדיק בלויער.

ער לייגט זיך שלאָפן אין באַקוועמע בעטן,
נאָר לויפט ער סיי־ווי אין זיין חלום
צום שטיבל פון פאַפירענע טאַפּעטן,
פון קינדער־יאָרן און פון שטילן שלום.

דאָרט, וווּ די זון ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן,
און ווינטן זינגען מיטן זעלבן ניגון,
און פייגל רעדן מיט דעם זעלבן לשון,
וואָס ער האָט אויסגעלערנט זיך אין וויגל.

די ריחות ווייסן וווּנדערלעכע סודות,
די בלומען — שטילע, אייביקע קאָלירן.
און ער איז גרייט, פון תענוג אויפגעשווידערט,
אויפסניי צו לאָזן זיך פון זיי פאַרפירן.

דאָס איז געווען היים און טיפער שורש,
וואָס ליגט, ווי לעבן, אין דעם בלוט פאַרבאָרגן.
די אייביקע פאַרבינדונג פון די דורות —
פון ווייטסטן עבר מיט דעם שפּעטסטן מאָרגן.

צי גייט א בוים אַוועק דען פונעם שטורעם
אויף זוכן שוץ זיך ערגעץ ביי זיין שכן? —
ער שטעלט זיך קעגן שטורעם מיט גבורה,
כל-זמן ער ווערט אויף צוויי נישט צעבראָכן!

11

און אויף דער וואָר, אינגאַנצן אָפּגעזונדערט,
דער אַלטער שלמה וואַכט מיט די רעיונות.
ער עפנט אויף צוריק אליין די ווונדן,
ער רופט אַרויס די פיינלעכע זכרונות.

פון צווייטן שטיבל הערט מען נישט קיין פליסטער,
כאָטש עמעץ וואַכט דאָרט נאָך פון דער משפחה.
די מי און מאַטערניש איז אן אומזיסטע —
עס קאָן נישט שלאָפן אויך זיין טאָכטער רחל.

זי ווייסט, ווען ס'קומט נאָר אָן א בריוו פון וואַרשע,
ער שווייגט, דער מאַן, ער האָט אויך היינט געשוויגן.
וואָס זענען רייד אַנטקעגן בלוט פון האַרצן?
און וועלן ווערטער דען די פיין פאַרוויגן?

מיט איין מאָל גאָר דערציילט ער איר חלומות,
אַז ווי אַזוי ער שלאָגט זיך דורך אין פלאַמען,
און ווי ער קומט אָן, נבהל־ונשתומם,
און טרעפט נאָך אַלץ אַ שמייכלענדיקע מאַמע.

ווי זי, די מאַמע, פּרוּווט אים אויסבאַהאַלטן,
אַפילו פון די מאַמעס בעסטע שכנים.
ווי זי וואָלט אים פאַר זיך אַליין געהאַלטן —
זי וויל איר גליק נישט אָנפאַרטרויען קיינעם.

זי ווייסט, אַז דאָרט אין דרויסן איז דער שונא,
ער וואַרט אים ביי דער טיר, כדי צו פאַנגען.
נאָר מיט דער מאַמען — אפשר וועט מען שוינען?
און אפשר וועט דער דייטש אים נישט פאַרלאַנגען?

זי זאָגט: „מיין זון, איך וועל די טיר פאַרשליסן,
דעם לאָמפּ פאַרלעשן — זיצן זיך אַ שטילע.
עס קאָן זיך עמעץ נאָך אין גאַס דערוויסן,
און עמעץ קאָן דערהערן דיך, חלילה.

כ'וואָלט דיך געווים מכבד זיין מיט עסן,
נאָר מיר — מיר דאַרפן איצטער זייער איילן.
מיין זון, מיין זון, איך טאָר זיך נישט פאַרגעסן,
צו לאַנג דו טאָרסט מיט מיר דאָ נישט פאַרווײלן...“

קאַפּיטל צוויי

1

די ערד האָט אָפּגעטרייסלט זיך פֿון שלאָף,
די שוואַלב אין נעסט האָט פֿרי זיך אויפֿגעוועקט:
צום שלום איז געקומען שוין א סוף,
די צייט פֿון פֿרייד און פֿרייד האָט זיך געעקט!

געפֿאַלן איז א רוסישער סאָלדאַט,
און נעבן אים — דער רויטער גרענעץ־סלופּ.
און איבער זיי די קויל פֿון אַ האַרמאַט
האָט אָנגעצונדן שוין די ערשטע שטוב.

אָט דאָ, נישט ווייט, געגאַנגען איז די שלאַכט
און זיך באַגעגנט האָבן טאַנק מיט טאַנק,
און איידער נאָך פֿאַרשוווּנדן ס'איז די נאַכט —
די ערד האָט שוין פֿאַרזוכט דאָס בלוט־געטראַנק.

פֿון שוואַרצן ביז צום באַרענצעווער ים,
אויף ברייטן אומגעהייערע פֿון לאַנד,
האָט אָנגעהויבן רוקן זיך דער פֿלאַם
און איינגעוויקלט שטאָט און דאָרף אין בראַנד.

אינמיטן — צווישן דעם פֿאַרזיי און שניט —
דאָס קאָרן האָט נאָך אין דער העלפֿט געגרינט;
דאָס בלויע בלימל האָט נאָך דאָרט געבליט
און אָנגעשיכורט אינעם פֿעלד דעם ווינט.

דאָרט האָט א פּרוי פון גאָרנישט נאָך געוווסט,
און בלויז אין אנונג פון א ווייטער שרעק —
דאָס קינד האָט זיך צעשריגן ביי איר ברוסט,
און זי האָט אויף א ווייל זיך אויפגעוועקט.

2

דאָס בעט האָט זיך א הייב געטאָן פון דיל,
רב שלמה האָט זיך האסטיק אָפּגעדעקט,
און ווידער איז געווען פארדעכטיק שטיל,
געפאלן איז פון גאס א גרויער פלעק.

דער זומערדיקער דרויסן האָט געטאָגט,
די גאסן־לאָמפּן האָבן נאָך געברענט.
אן אויטאָ נאָר האָט שנעל אַדורכגעיאָגט
און אָפּגעשפּריצט מיט וואָיעריי די ווענט.

און אפשר האָט דאָס בלויז זיך אויסגעדאכט,
און אפשר האָט גענאַרט אים זיין געהער?
קאָן זיין, אַז פון זיין חלום אין דער נאַכט
אַ דונער האָט פארקייקלט זיך אַהער?

3

ווען רחל האָט מיט ציטעריקע הענט
געכאפּט דעם שלאָפראָק און זיך איינגעהילט,
האָט שוין דער גאַנצער האָריזאָנט געברענט
און אויף אליארעם האָט דער ווינט געשפּילט.

ווי שפּורן פון דעם פלאַמיקן פארמעסט,
געשוווּמען זענען וואָלקנדלעך פון פוך.
און ווי דער שווערער ריח פון א מת,
האָט אָנגעיאָגט פון שוועבל דער גערוך.

זיי זענען שוין געשטאַנען אַלע דריי
מיט בלייכקייט אָפּגעשפּיגלטער אויף שויב.
פון דרויסן דאָס סירענע־וואָיערײ
איז אָנגעוואַקסן און די לופט פאַרטויבט.

פון אַלע זייטן רוקט דער אומרו אָן:
נישט לאַנג איז דאָ געווען אַ טאַנקען־פונקט,
איצט ווערט דאָ עפּעס ראַשיק אָפּגעטאָן.
און די באַפעלן גייען אויפן ווונק.

אין שווערע טאַנקען גיסט מען אָן בענזין,
און איילנדיק זיי ווערן פאַרמאַסקירט
מיט גרויען לייוונט און מיט צווייגן־גרין,
און תיכף אין דער שלאַכט אַרויסגעפירט.

און רחל קוקט אַ שטילע צו און זעט,
ווי נאָך די טאַנקעןווירבלט זיך אַ ווינט.
מיט שוואַכע פיס זי גייט צום קליינעם בעט
און בלייבט דאָרט שטיין ביים שלאָפנדיקן קינד.

די פאַרב פון רחלס פּנים — גרינלעך גראָז,
דאָס האַרץ אין ברוסט צונויפגעפּרעסט — אַ שטיין.
די ליפּן — צוגעחתמעט פון פאַרדראָס,
נאָר אין די אויגן וואַרט נאָך דאָס געוויין...

די קליינע שלאָפט אַלץ רואיק, אָן פאַרדאַכט,
דאָס בעקל אויף אַ דלאָניע אָנגעשפּאַרט,
דאָס מיילכל, ווי אַ בלימל אויפגעמאַכט,
באַוועגט אין חלום זיך קאַפּריז און צאַרט.

דער שמאָלער שטערן — אָפּגעדעקט און קלאָר,
דאָס קורצע נעזל — בלייכער פון געזיכט;
דער דינער זייד פון אירע בלאָנדע האָר
צעשאָטן ליגט אַרום איר קאָפּ ווי ליכט.

די קליינע שלאָפֿט נאָך רואיק און פֿאַרטרויט,
איר חלום איז דערווייל נאָך נישט צעשטערט,
און בלויז די מאַמע אירע זעט דעם טויט,
וואָס גייט אַהער פֿון אויפֿגעפֿלאַמטער ערד.

4

די באָמבאַרדירער האָבן נישט גערוט
און אָנגעפֿלויגן אַלע האַלבע שעה.
און ס'האָט דערבײַ אַ פֿײַערדיקע רויט
געפּאַסקעוועט דעם ווײַטן הימל־בלאָ.

די שטאָט אַליין האָט מער זיך נישט דערקענט,
זי איז געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן, קליין.
געציטערט האָט דאָ יעדער פֿונדאַמענט,
געהויבן האָט זיך פֿונעם ברוק דער שטיין.

מיט ריחות פֿון זיך שמעלצנדיקן פֿעך
איז פֿול געווען די ברענענדיקע לופֿט,
פֿון אָנגעגליטע ציגל און פֿון בלעך
געשלאָגן האָט אַ שטיקנדיקער דופֿט.

די פֿעסטע מויער איז געוואָרן שוואַך
און אײַנגעטוליעט זיך בײַ יעדן קלאַפּ;
מיט רויטע פֿלאַמען־קודלעס האָט אַ דאַך
צו העכסטע הייכן זיך אַרויפֿגעכאַפּט.

דער מענטש האָט צוגעווינט זיך צו דער שרעק,
דעם ערשטן סמאַל האָט שוין געכאַפּט זײַן הויט.
ער איז פֿון ברענענדיקן הויז אַוועק
און אָפּגעראַטעוועט אַ העמד, אַ ברויט.

דער חולה האָט פֿאַרגעסן אין זײַן קרענק,
דער זקן איז געוואָרן ווידער יונג,
און ביידע האָבן זיי איצט אָנגעשטרענגט
די כּוחות צו דעם סאַמע לעצטן שפּרונג.

און מיט די לעצטע טראָפּנס בלוט און אַנגסט
געטוליעט זיך אָן אויפהער צו דער ערד,
און האָבן צו דער האָפענונג באַלאַנגט,
און האָבן אַלץ דעם לעבן אָנגעהערט.

5

צום רויט־פאַרפלאַמטן מערב־האָריזאָנט
געגאַנגען איז די העלדישע אַרמיי,
כדי אַדורכצוטראָגן דורכן פראָנט,
די פרייהייט פאַר דער ערד פון בלוט און וויי.

געגאַנגען איז זי גרוי און אָנגעשטרענגט,
באַדעקט מיט שטויב און מידקייט פונעם וועג.
געגאַנגען איז זי כמורנע און געדענקט:
אַזאַ מין גאַנג ווערט קיינמאָל נישט פאַרמעקט!

געטריקנט האָט דער שווייס אין מילדן ווינט,
דער ווילן האָט געהאַלטן פעסט די טריט,
און אין דעם מיילן־מאַרש האָט טריי געדינט
דאָס יונגע, פרייע, רויטאַרמייער־ליד!

נישט איינעם האָט דער זעלנער־שוך געקוועלט,
נישט איינער האָט א וואַסער־שלונג געגאַרט.
נאָר קיינער האָט זיין טראָט נישט אָפּגעשטעלט,
און קיינער האָט דעם אימפעט נישט פאַרשפאַרט.

צום רויט־פאַרפלאַמטן מערבדיקן ראַנד
אָן אָפּרו איז געגאַנגען די אַרמיי.
און איר אַנטקעגן, צו דעם הינטערלאַנד
געלאָפן איז מען פונעם ווינד־און־וויי.

מיט קינדער, איינגעהילטע אין געוואַנט,
מיט אַלטע, אויסגעקרימטע פרויען־שיך —
געגאַנגען זענען זיי אין הינטערלאַנד —
אַבי אַרויס פון דאָרט, אַבי נאָר גיך.

מבולבל פונעם טומל און פֿאַרטויבט,
מיט זקנים אין צעקנייטשטע גרויע בערד,
געגאַנגען זענען זיי אין דאָרשט און שטויב —
אַבי אַוועק פון ברענענדיקער ערד.

געגאַנגען זענען זיי דאָרט יונג און אַלט
און אויסגעצויגן אין א לאַנגער ריי,
געהאַלטן זיך וואָס נענטער צום וואַלד —
אַנטקעגן זיי — מאַרשירט האָט די אַרמיי.

געהערט האָט מען דאָס שטרענגע טופּען בלויז,
נאָר קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.
און פּלוצעם האָט א פֿולק זיין ליד אַנטבלויזט,
פֿאַרצוימט דערמיט די דערפֿער און די שטעט!

קאַפּיטל דריי

1

און ווידער האָט דער לערער הורוויץ
מיט זיין פאַרבליבענער משפּחה
געריסן זיך פון צווישן חורבות
דעם טויט און אומקום אויף צולהכעיס.
אַוועק — און ס'איז אין שטוב פאַרבליבן
די בענקשאַפט צווישן ווענט פאַרוויסטע,
דער ווינט, וואָס האָט ארומגעטריבן
זיין האָב־און־גוטס האַרט אויף די מיסטן.
אַליין ווערט וואָס אַמאָל אים לייכטער
צו לאָזן זיך אין וועג און וואנדער —
מ'שטיינס־געזאָגט: דאָס גרויסע רייכטום!
נאָר ס'קרענקט אים איצטער עפּעס אנדערש.
אָן אויפהער האָט מען אים דערנידריקט,
פון פריסטער קינדהייט אים געזידלט,
און ס'האָט דער ניגון פון כל־נדרי
באַדויערט אים ווי אַלע יידן.
ער איז אַוועק זיך אויסבאהאלטן
פון יענעם קלאָגנדיקן ניגון,
פון יענע פינצטערע געוואַלדן,
געהערטע נאָך אין קינדער־וויגל.
אים האָט געשטיקט דער הארבער ריח
פון קידוש־בלוט ביי די פּאָגראָמען,
און טעמפּ געוואָרן איז זיין מוח
פון אַלטן גורלדיקן יאָמער.

2

ער האָט געמיינט: נישטאָ קיין אופן
פון אָט דעם אומגליק זיך באפרייען,
אַז ווען ער זאָל פון אים אנטלויפן —
די גאָרע ערד וועט אים נישט סטייען.
ער וועט אוועק אויף זיבן ימען
און וועט דערמיט זיך נישט צעשיידן;
ער וועט אדורך דורך זיבן פלאַמען
און ס'וועט דער טרויער אים באַקליידן.
ווי עמעצנס אַ קללה וואָלט אים
אַרומגעיאָגט אויף אַלע וועגן,
ווי עמעצער וואָלט אים פארשאָלטן —
צו גיין די שטורעמס נאָר אנטקעגן.
דער גורל האָט מיט שטאַרקן אָרעם
זיין יעדן זיץ-אָרט אויפגערודערט
און אים געטריבן ווי א וואָרעם,
מיט חוזק־אויסגעשרייען: „יודע"!...
נאָר פלוצעם איז געשען דאָס וווּנדער:
אין פרייען לאַנד איז ער געזעסן,
ווו ס'האָבן זיך פארהיילט די ווונדן —
ער האָט שוין באלד געהאט פארגעסן...
ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דאָ,
ווי זי, די ערד, קאָן זיין א טרייע,
און אונטער אים, אַן איינגעשטילטע,
זיך לייגן פאַר זיין טראָט דעם פרייען.
אויף אָט דער ערד איז ער געגאַנגען
צו נייע וווּנדערלעכע ציימן,
ווו אַלע היינטיקע געזאַנגען
בלויז וואָר און ווירקלעכקייט באַטייטן. —
נאָר ס'איז נאָך נישט געווען געענדיקט —
פון יענער גרענעץ-זייט דער שאָטן
האָט אים נאָך נישט באפרייט אויף שטענדיק —
און ווידער אויף אים אָנגעטראָטן...

3

פון זינט ער איז אַוועק פון וואַרשע
אין האַרבסט פון ניינצן ניין און דרייסיק,
זינט דאַן קלאַפּט העפּטיקער דאָס האַרץ אים,
די האַנט אין שלאַכט אַריין — זי רייסט זיך.
פאַרלוירן האָט דאָס גרינס די פרישקייט,
דער הימל — זיינע יונגע פאַרבן,
ווי עמעץ וואָלט דאָס בלוט פאַרמישט אים
מיט ביטערקייט, מיט שנאה האַרבער.
ווייל אַלע טויטן זענען ווייניק
און נישטיק אַלע ארבע־מיתות
פון סקילה, שׂריפה, הרג, חנק —
אויף צו באַצאָלן פאַר דעם רשעות.
אים חלומט זיך דאָס לאַנד פון שונא
אין פייער און אין שטויב צעשלאָגן.
די שטעט פאַרלאָזטע, אָן באַוווינער,
און זיינע וועגן פאַר דעם וואָגל,
און זיינע הימלען פאַר די פליער
פון אַלע שכנותדיקע לענדער,
וואָס קומען אָן זיין ערד צעגליען
און אַלדאָס לעבעדיקס פאַרלענדן.
עס לעבט דאָס וואָרט וואָס אויסגעהיטע:
די שטראָף זאָל זיין ווי דאָס פאַרברעכן,
באַצאָלן „מידה כנגד מידה“ —
אויף אומצוברעכנען און צעברעכן!
די שטראָף פאַר אַלע, אַלע גרוילן
און נאָך פאַר איינער: פאַר דער מאַמען,
וואָס איז געבליבן דאָרט אין פּוילן,
פאַרמעקט פון רויכן און פון פלאַמען.

4

ווי אויף א שנירל אָנגעצויגן,
געהאָנגען איז א פייגל־ווירע
און אין א זייט אַוועקגעפלויגן
מיט אומבאַקאַנטע וועגן אירע.

באַגינען איז דער טוי געפאַלן
אויף גראָז טרוקענע און האַרטע,
און אין די פויערישע שטאַלן
געמעקעט האָבן קי פאַרשפּאַרטע.
נאָר אין די טירן פון די כאַטעס
געשטאַנען איז שוין אַ געדרודער:
פון איינער איז אַרויס אַ טאַטע,
און ביי דער צווייטער שטייט אַ ברודער...
ביינאַכט נאָך, אין פאַרמאַכטע לאָדנס,
האָט אָנגעקלאַפּט דאָ די מלחמה
מיט אַלע אירע ווייטע פחדים
און מיט דעם נאָענטן געיאָמער.

און אין די הימלען איז געגאַנגען
אַ האַקנקרייצנדיקע סטייע
מיט פרעמדע דראָענדיקע קלאַנגען
און מיט געדויש פון בלוט און פייער.
און איינמאָל שוין אַדורכגעפלויגן,
באַלד איינציקווייז צוריקגעקומען,
און צו אַ דאָרף זיך אָנגעבויגן —
און דאָס אין פלאַם אַרויפגענומען.

5

די ערשטע נאַכט פון נייעם וואַנדער
האָט אָן אָן אויפהער זיך געצויגן:
דער צוג איז טראָט ביי טראָט געגאַנגען,
און די מלחמה איז געפלויגן.
דער גאַנצער וועג געווען פאַרלייגט איז
מיט די צעשמעטערטע וואַגאָנעס
און מיט די רעלסן אויסגעבייגטע.
אין וועג פון פייער און סכנה
אַ יונגע אייזנבאַן־בריגאַדע
איז נאָכגעגאַנגען דער צעשטערונג
און יעדעס איינע לאַך פאַרלאַטעט
מיט גרינגע הענט און הערצער שווערע.

און ווידער איז דער וועג א גאנצער
צונויפבאהאַפטענער געלעגן,
און ס'איז דער צוג אין נייעם וואנדער
אַרויף אויף וויטערדיקע וועגן.

— — — — — — — — — — —

און האַלב אין וואך זיין, האַלב אין דרימל,
געהווידעט האָבן זיך געשטאַלטן,
ווי ס'וואָלט זיי וועד דאָ פאַרן הימל
און פאַרן דרויסן אויסבאהאלטן.
אַ לייכטער ווינט איז דורכגעלאָפן
אויף שטעכעדיקע, גרינע זאנגען —
דער הימל איז געלעגן אָפן,
אַ רויטע זון איז אויפגעגאנגען.
און ווען עס איז געוואָרן ליכטיק
אין דרויסן אויף די ברייטע רוימען,
האָט אויסגעוויזן זיך, אַז ציכטיק
עס ווערט אין צוג אויך און געדרוימער.
די פינצטערניש איז אָפּגעטראָטן,
די ערשטע שווערע נאַכט פאָריבער,
און לייכטער האָט זיך איצט געאָטעמט
אויף אַט דער ערד דער היימיש-ליבער.

6

א דייטשער פליער האָט געלאָקערט,
דעם טויט אין קרייזן אָנגעצייכנט,
און אויף די קעפּ פון קינד און זקן
געזונקען איז ער פון די הייכן.
ביי יעדן אָנפלי — אויפגעציטערט
עס האָט דער צוג, געבליבן וואַרטן,
ביז ס'וועט אריבער דאָס געוויטער —
געווערט זיך מיט א קוילנוואַרפער.
פון די צעעפנטע וואַגאָנעס
אַרויסגעטראָגן האָט זיין קינד ווער,
און נישט געוווּסט ווו צו פאַרטאָן עס,
און זישט געוווּסט ווו צו פאַרשווינדן.

מיט ווייב און קינד ארוים איז חיים,
זיך אומגעקוקט אויף אלע עקן:
נישטאָ קיין אָרט באַשיצט פון פייער,
נישטאָ קיין אָרט וווהין אַוועקגיין,
וואָלט ערגעץ־וווּ געווען אַ וואַלד דאָ,
צי כאָטש אַ פעלד אין הויכן קאָרן;
וואָלט כאָטש די ערד געקאָנט זיך שפּאַלטן
און זיי פאַרבאָרגן פונעם צאָרן!
ארום זיי ליגט די ערד אַ פּוסטע,
מיט אויסגעברענטע, געלע גראָזן,
מיט אויסגעדאַרטע, קראַנקע קוסטעס,
אויף הפקר דאָ אין פעלד געלאָזן.
דער פליער האָט געמאַכט די קרייזן
פון הויכן הימל ביז צום באָדן
און דווקא נאָר געוואָלט באַווייזן
דעם גאַנצן טויט דאָ אויסצולאָדן.

— — — — — — — —

דער אלטער איז געבליבן זיצן
אין צוג — ס'איז שווער געווען אים לויפן.
און ער האָט זיך געפרווט באַשיצן
אויף זיין באַקאַנטן, אַלטן אופן:
ער האָט זיך טיפער איינגעהאָרבעט
און אין זיין ווינקל זיך פאַרמאָסטעט,
געקלאַמערט אין די הענט זיין טאָרבע
און שטיל געפרעגט: „פאַרוואָס פאַרלאָזט דו?"...

7

זיי האָבן זיך אַדורכגעריסן
אַדורך דער פייערדיקער זאָנע,
און זיך אויף רוסלאַנדס ערד באַוויזן
אין דורכגעלעכערטע וואַגאָנען.
צוערשט ווייסרוסלאַנדס סאָסנע־וועלדער,
דערנאָך די שטעטלעך ביי סמאָלענסקער,
און שפּעטער ערשט די ברייטע פעלדער
פון רוסלאַנד — פון דער ערד דער שענסטער.

אהער דערגרייכט האָט די מלחמה
אויף שווערע דייטשישע אַוויאָנען,
און איצטער — מיט דעם ווי און יאָמער
פון ערשטע פליטים-עשאַלאָנען.
געקומען זענען קראַנקן-שוועסטער
און האַרעפּאַשנע פּראָסטע פרויען;
געקומען איז דאָס סאַמע בעסטע
פון רוסלאַנד מיט זיין ברויט און טרויער.
געקומען זענען גרויע מענער,
אין לייוונטענע אַרבעטס-קליידער,
אויף העלפן נאָר מיט וואָס זיי קאָנען:
מיט טרייסטן און מיט איבערריידן...
די קינדער האָבן זיי געצוואָגן,
די הונגעריקע אָנגעזעטיקט
און די פאַרוווּנדעטע געטראָגן
אויף ווייסע סאַניטאַרן-בעטלעך.
דער אַלטער שלמה האָט אין ווינקל
באַזאָרגט זיין סעודה אָפּגעענדיקט,
האָט ברויט מיט הייסער טיי פאַרטרונקען,
דערנאָך געבענטשט די זעט — ווי שטענדיק.
נאָר דאָס מאָל האָט ער אין זיין ברכה
געהאַט אין זין דאָס לאַנד אינגאַנצן,
וואָס האָט פאַר אים און זיין משפחה
געטראָגן ברויט אויף אַלע סטאַנציעס...

8

אינמיטן פון די לאַנגע וועגן
געמיטן האָבן זיך די באַנען,
ס'האָט קיינער נישט באַדאַרפט זיך פרעגן,
וווּהין זיי איילן און פונוואַנען.
בייטאָג — פאַרשטעלט מיט גרינע צווייגן,
ביינאַכט — מיט פינצטערניש פאַרדעקטע —
די צוגן מיט די קריגס-געצייגן
געלאָפן זענען אויפגערעגטע.

די מיילער פון זעניט-האַרמאַטן
געווען זענען אויסגעצויגן
צום ווייטן האָריזאָנט, דעם מאַטן —
פונוואַנען ס׳איז דער פיינט געפלויגן.
געפאָרן זענען טראַקטאָריסטן,
באַזעצטע שוין אין שווערע טאַנקען,
ווי פון וואַגאָן אויף די פאַשיסטן
זיי וואָלטן איצטער גלייך געגאַנגען.
זיי האָבן מיטגעפירט די ריחות
פון ווייטע דערפער אויף דער וואָלגע,
און אין די אויגן — נאָך די צייכנס
פון פולע בליצנדיקע וואָלקנס.
געפאָרן איז דאָס לאַנד דאָס גאַנצע,
באַגלייט פון ווינטן אויפגעוואַכטע,
באַוואָפנט און אַרומגעפאַנצערט
און צוגעגרייט צו נייע שלאַכטן.

9

און ס׳איז געווען אַ נאַכט אַ שוואַרצע
מיט אַלע ברענענדיקע שטערן,
אַז חיימען האָט אויסגעדאַכט זיך,
אַז רק זיי מערן זיך און מערן.
ער איז געשטאַנען אין דער פינצטער
און איינגעקוקט זיך אינעם הימל:
דאָרט האָט דאָס שטערנדל דאָס מינדסטע
פון שוואַרצער טיף אַרויסגעשימערט.
און פּלוצעם האָט דער צוג געשטעלט זיך
און אין דער נאַכט פאַרקלאַפּט געבליבן.
אַ צווייטער צוג אינמיטן פעלד דאָ
געשטאַנען איז אַנטקעגנאיבער.
אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגעבויגן,
און ס׳האָט אַ האַנט אים אָנגענומען,
און אין דער פינצטערניש צוויי אויגן
עם זענען אויף אים אָנגעשוואומען:

— איר זייט אַ ייד? פונוואַנען פאָרט איר?
איז פאָרט, איר זאָלט זיך גאָרנישט שרעקן.
מיר פאָרן אויפן פראָנט, און דאָרטן
הער דייטש וועט אונדזער פולווער שמעקן.
מיר פאָרן — אַלע שטאַרקע יאַטן.
פאַר אייך מיר וועלן זיי באַצאָלן.
ביי אונדז איז טאַנקעס און האַרמאַטן. —
— איז פאָרט געזונט און קומט בשלום!

קאַפּיטל פיר

1

דער צוג איז אַרויף אויף די סטעפּעס
פון ווייטן און זוניקן לאַנד,
און, דאַכט זיך, זיי האָבן מיט עפּעס
דעם אייגענעם עבר דערמאַנט...
ביי־טאָג האָט געגליט און פאַרמאַטערט
די הייסע קאַזאַכישע זון,
ווי לאַווע פון אָפענעם קראַטער,
פאַרברענט די געוויקסן אַרום.
דער ברייטער, אומענדלעכער באָדן
געלעגן איז שטיל אין זיין היץ —
קיין מענטש איז אויף אים נישט געטראָטן,
קיין שאָטן האָט אים נישט באַשיצט.
דער הימל האָט ווייט זיך געצויגן,
אַ בלויער, אין ערגעץ פאַרפלעקט.
קיין פויגל איז דאָרט נישט געפלויגן,
קיין וואָלקן האָט אים נישט באַדעקט.
דעם סטעפּ האָט געחלומט אַ רעגן
אַ ווייטער, צעשטורעמטער ים.
דער ווינט האָט געשטעלט זיך אַנטקעגן —
געטראָגן אין זאַמדן דעם פלאַם.
עס האָט אים די כמאַרע געמיטן,
דער טייך איז געגאַנגען פאַרביי;
דער קוואַל האָט אין ליים זיך פאַרביטן,
דער ליים האָט געטריקנט ווי בליי.

די שיטערע גראָזן פּונדאַנען,
ווי קראַפּעווע, האָבן געבריט.
זיי האָבן גענומען שוין וויאַנען,
נאָך איידער זיי האָבן געבליט.
די ביימער — מישטיינס געזאָגט, ביימער —
זיי רופן זיך אָן סאַקסאַאול:
געוויקסן, וואָס וואַרפן אָן אימה,
און גראָבן אין דר'ערד זיך, ווי דול.
און דאָך האָט די ערד נישט געשוויגן —
די שפּע אין גרונט האָט געלעבט.
דערוועגן דערציילט דאָ דער ניגון,
וואָס גייט אָפּט אַדורך דורכן סטעפּ.
פונוואַנען זיך טראָגט אַזאַ זמר?
ווער האָט זיך אין מדבר צערעדט?
צי האָט זיך צעשריגן אַ קעמל?
צי זינגט אַ קאַזאַך זיין געבעט?
ניין, ערגעץ דאָ רייסט אויף אַ כוח,
וואָס ליגט נאָך פאַרשפּאַרט אין דער ערד,
נאָר ווען ער דערגרייכט שוין דעם אויער —
ער ווערט ווי אַ ניגון דערהערט:
„באַפרוכפּערער מיינער, געמים מיך
מיט מי פון די ליכטיקע הענט!
די ערד וויל נישט ליגן קיין וויסטע,
די ערד וויל נישט ווערן פאַרברענט.
פיר צו פון די טייכן דאָס וואַסער,
מיט פרישקייט מיין טריקעניש בענטש,
מיט אַקער צעשנייד מיך אין פּאַסן —
באַהערש מיך, דו ליכטיקער מענטש!"

2

ביי־טאָג האָט די חמימה געשרפעט,
ביי־נאַכט האָט געפּייניקט די קעלט.
אַ פולע לבנה, אַ שאַרפע,
ווי גאָר פון אַן אַנדערער וועלט,

איז איבער דעם הימל געגאַנגען
און דאַך זיך פון אָרט נישט גערירט,
איר בלייבקייט פאַרקילט האָט די קלאַנגען,
דער סטעפּ — אין דער העלקייט ער פרירט.
די שיטערע טרוקענע גראָזן
געשטאַרצט האָבן הארטע, ווי שטרוי —
קיין ווינט האָט אין זיי נישט געבלאָזן,
געפרוירן אויף זיי האָט דער טוי.
אויף ברוינעם און טרוקענעם באָדן
האָט שטיל זיך געשפּאָלטן דאָס ליים,
און ס'האָבן די פינצטערע פּחדים
געגלאָצט פון די שפּאַרעס געהיים.
אַ וואָלף האָט זיך ערגעץ צעוואָיעט,
אין בלוט און אין פלייש זיך דערמאָנט,
און ביי דער לבנה מיט טרויער
האָט ער דאָס פאַרעקשנט געמאָנט.
דער צוג איז פאַרביי און צעשניטן
דעם שווידער מיט האַסטיקע קלעפּ.
דער וואָלף איז געבליבן אינמיטן
זיין ליד — אין פאַרלוירענעם סטעפּ.
דער צוג האָט געשאָטן מיט פונקען,
דער צוג האָט די שטילקייט צעשטערט, —
פון ערגעץ־ווו האָט שוין געוווּנקען
דאָס ליכט פון באַזעסענער ערד.

3

אין צוג האָט אַ קינד זיך צעשריען,
גערופן די מאַמע צוהילף.
ס'האָט רחל געפּרוווט זיך פאַרציען
אַ ליד, נאָר דאָס קינד ווערט נישט שטיל.
איר זענען באַפאַלן די שרעקן,
ווי וועלף מיט געשטשירעטע ציין.
ס'האָט רחל געפּרוווט זי פאַרדעקן,
נאָר ס'האָט זיך געשטאַרקט דאָס געוויין.

ביזוואַנען זיי האָבן זיך ביידע
פאַרלוירן און הילפלאָז צעקלאָגט —
און דאָרט, אין זיין ווינקל, דער זיידע
האָט אַלץ אויף אַ ניגון „געזאָגט”...

4

פון וועלפּישע פּייערלעך גרינע —
צו בלויען עלעקטרישן ליכט,
פונוואַנען אינמיטן-דערינען
וואַקסט אוים גאָר אַ שטאָט אומגעריכט?
ס'איז שווער גאָר די אויגן צו גלייבן,
וואָס זענען פון שטח שוין מיד —
די טויזנטער ליכטיקע שויבן,
וואָס האָבן אין סטעפּ זיך צעגליט.
וואָס איז פון דעם סטעפּ דען געבליבן
אַ חוץ די ביינאַכטיקע קעלט?
די נאַכט איז נאָך אַלץ נישט אַריבער,
ווען ס'האָט זיך דער צוג שוין געשטעלט.
וואָס איז פון דעם סטעפּ דאָ דערגאַנגען
אַ חוץ דעם צעשטערנטן רוים?
די שרעק קאָן אַהער נישט דערלאַנגען —
דאָס ליכט האָט דעם וועג איר פאַרצוימט.

5

געקומען דער מענטש און באַפאַלן
דעם באָדן פון שטיין און פון קויל,
באַפוילן דעם סטעפּ זיך צעשטראַלן,
דערשטיקן דעם אייגענעם גרויל.
ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן,
דער סטעפּ, און זיך אַלץ נאָך געווערט
אַנטקעגן דעם אָנקום פון לעבן
אויף אָט דער פאַרוואָרלאָזטער ערד.
און דאָן האָט דער מענטש מיט זיין חכמה

געעפנט די טראַכט פון דער ערד:
געשפּאָלטן דעם פעלזיקן שטיין
און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף נאָך מער —
וואָס טיפער אין סטעפּ צו פאַרגיין.
דער סטעפּ האָט זיין פּנים געביטן,
דער מענטש האָט באַשטימט זיין געשטאַלט:
אַ העלפט זאָל ער שטיין אַ צעבליטער,
די אַנדערע העלפט אין אַספאַלט;
אַ העלפט זאָל ער ווערן פאַרמויערט,
אַ העלפט זאָל ער ווערן פאַרזייט;
און בלויז אָט דער הימל דער בלויער
זאָל בלייבן אַ גאַנצער פאַרשפּרייט.
די זון זאָל שוין מער נישט פאַרצערן,
נאָר גיסן איר גאָלד אויפן ברויט;
די ערד זאָל דעם מענטשן געהערן,
ווייל ער האָט זיין מי איר פאַרטרויט.

קאַפּיטל פינף

1

צי האָט זיך דער וועג דאָ געענדיקט
פאַר חיימען מיט זיין געזינד?
צי איז ער געקומען אויף שטענדיק,
צי בלויז ווי עס גייט דורך דער ווינט? —
אומזיסט וואָלט זיין איצטער דאָס פרעגן,
זיין ענטפער וואָלט שווער זיין פאַרשטיין:
ער זעט שוין דעם סוף צו די וועגן,
וווהין ער וועט דאַרפן דערגיין...
אויב ער האָט ביז איצט אים געמיטן
און האָט זיך אויף מזרח געווענדט —
איז נישט אויף די הויט צו פאַרהיטן,
נאָר בלויז אויף באַפרייען די הענט.
דעם אומוועג, וואָס ער האָט געצייכנט,
די אַלע פאַרלוירענע טעג,
דאָס אַלץ איז געווען אויף דערגרייכן,
פאַרנעמען דאָס אָרט אין געשלעג.
דאָס רוצחישע בלוט צו פאַרגיסן
געווען וואָלט פאַר אים איצט אַ גליק,
נאָר ער האָט געדאַרפט זיך דערוויסן,
ווי זיך צו באַגיין מיט דער ביקס...
ער איז דורך דעם מדבר געפאָרן,
ער איז דאָ געקומען אַהער,
בכדי צו דעם אייגענעם צאָרן
דאָס לאַנד זאָל אים געבן געווער.

2

אַזוי גייט ער ווידער איצט, חיים,
באַקומען זיין אָרט אויף דער ערד.
אין רויך זענען לענדער פאַרביי אים —
זיין היים איז דאָרט צוויי מאָל צעשטערט.
דאָס ערשטע מאָל האָט ער געלאָזן
די ווייסל אין רויטן פאַרגאַנג.
אַ צווייט מאָל — אַ ווייסע בעריאָזע,
צעהאַקט פון אַ דייטשישן טאַנק.
ער האָט דאָרט די טיר נישט פאַרשלאָסן,
די לאָדנס ער האָט נישט פאַרמאַכט,
ווען ס'האָט זיך אויף שויבן געגאָסן
דער אָפּשיין פון נאָענטער שלאַכט.
נאָר איין זאַך ער קאָן זיך נישט שענקען:
ווי האָט ער זיך גאַרנישט דערמאַנט?
ווי האָט ער געקאָנט נישט געדענקען
זיין מאַמעס פאָרטרעט אויף דער וואַנט?

. . . .

זיי האָבן די שטאָט שוין פאַרנומען,
זיי זענען אין שטאָט שוין אַריין,
מיט ליד און מיט חוזק דעם קרומען
פאַרטונקלט די ליכטיקע שיין.
זיי זענען די שוועל דאָרט אַריבער,
און זוכן מיט טריפהנע הענט,
אין קערן אַלץ איבער און איבער,
און רייסן דעם דיל און די ווענט...
צי קאָן מען דאָס וועמען פאַרטרויען?
צי זענען געבליבן נאָך רייד
פאַר אָט די מחשבות פון טרויער,
וואָס האָבן אין וועג אים באַגלייט?

3

אַזוי גייט ער ווידער איצט, חיים,
יך נעמען זיין אָרט אויף דער ערד,

אַז זי זאָל געהערן אויפסניי אים,
ווי זי האָט אַמאָל אים געהערט.
מען איז אים אַנטקעגן געגאַנגען
מיט ליבלעכע רייד און מיט טרייסט,
נאָר ער דאַרף נאָך ערגעץ דערלאַנגען
אין אייגענעם בלוט און אין שווייס.
יעצט ער וועט דעם פייער געהערן
און דורכגיין די פרייד און די פיין,
ערשט דעמלט באַשטעטיקט וועט ווערן
זיין רעכט אויף צו לעבן און זיין.
אַט גייט זיין משפחה אַ מידע,
דעם אַלטן איז שווער צו דערגיין.
נאָר חיים מיט איינס איז צופרידן —
ער וועט זיי באַלד ברענגען אַהיים.
צי וועט דאָרטן זיין אַ געלעגער
צי בלויז נאָר אַ נאַקעטער דיל?
אַלציינס, נאָך די רוישיקע וועגן
די רו איז בלויז דאָרט, וו ס'איז שטיל.
די רו איז בלויז דאָרט, וו דער באַלקן
טיילט אָפּ אויף אַ ווייל און פאַרשטעלט,
וו חיים אַ קינד גייט באַהאַלטן,
באַשיצן פון פלאַמיקער וועלט.

4

נישט שווער איז געווען זיי צו טרעפן
אין גרויען פאַרטאָגיקן ליכט;
אַן עלטערער מענטש האָט געעפנט
אַ טיר און פאַרבעטן צו זיך.
מען האָט נישט געדאַרפט אים דערמאָנען,
ווער ס'האָט זיי אַהערצו געשיקט,
ער האָט נאָך דעם אויסזען פאַרשטאַנען,
דערקענט האָט ער אַלץ אינעם בליק...
ער האָט אויף די געסט שוין געריכט זיך
צוריק נאָך מיט עטלעכע טעג:
די שטוב האָט ער אויסגעווייסט ציכטיק,

געפּטרט דערויף אַ פּאַרמעג,
און אָפּגעטיילט האָט ער אַ ווינקל,
פּאַרצוימט מיט אַ דיקטענער וואַנט,
דאָרט האָט אַ געלעגער געפּינקלט,
באַצויגן מיט ווייסן געוואַנט.
מיכיילאָוו, דער שטענדיקער שווייגער,
האָט קאַרגע, נאָר וואַגיקע רייד.
ער קאָן נישט פּאַרטראָגן קיין נייגער,
ער פּרעגט זיך נישט אויס — און פּאַרשטייט.
און אָט זענען זיי שוין געקומען,
זיי שטייען שוין אונטער זיין דאַך,
און ער הערט נישט אויף אַלץ צו ברומען
און קאָן נישט געפינען די שפּראַך.
ער ווייזט זיך זיי אויס אַזאַ שטרענגער,
פון עפּעס צעטראָגן און בייז.
אַ ווייל ווערט דאָס שטיבל ווי ענגער —
זיי שטייען געקלעמט און נישט דרייסט.
נאָר ענדלעך באַקומט ער שוין לשון:
„מאַרוסיע וועט מאַכן באַלד טיי
און ברענגען אייך וואַסער צום וואַשן,
און — פילט זיך ביי זיך אין דער היים...”
ער האָט דאָס געזאָגט אין איין אָטעם,
ווי פּטור צו ווערן פון רייד.
מאַרוסיע האָט טיי שוין געזאָטן,
דעם טיש מיט אַ טישטעך פּאַרשפּרייט.

קאַפּיטל זעקס

1

און ער דערמאָנט זיך ווידער יענע ערד,
וואָס האָט אַמאָל אַ היים אים אָנגעקערט,
און איז געווען אַ שוץ פאַר היץ און קעלט,
און אים באַשטימט זיין ווינקל אין דער וועלט.
ס'איז יעדער מינדסטער ראַץ דאָרט אויף דער וואַנט
געווען פון אים באַמערקט און גוט באַקאַנט.
און יעדעם ווינקעלע איז פול געווען מיט עול,
און מיט דעם אָפּקלאַנג פון אַ ליבליך קול,
און מיט דעם אָטעם־פון דעם הויזגעזינד,
און מיט דעם פייפן פון דעם קוימען־ווינט.
די שויב האָט דורכגעזייט דאָס גרעלע ליכט,
די טיר האָט דורכגעלאָזט דעם דופט פון קיך,
און ס'האָט דער מינדסטער סקריפּ פון אַלטן דיל
אויפסניי דערמאָנט, ווי שטיל דאָ איז, ווי שטיל.
אום זומער האָט געשטעלט זיך דאָ די היץ,
פאַרבייגעפלויגן איז דער שאַרפער בליץ.
אום ווינטער האָט געשפּאַרט אַהער דער פראָסט
און האָט אויף פייכטע שויבן נאָכגעלאָזט.
אין אויוון האָט די זשיזשיצע געקנאַקט
און אויסגעשפּילט אַ פייערדיקן טאַקט.
דער זייגער האָט געמאָסטן זיינע קלעפּ,
אינדרויסן האָט דער שניי פאַרוויט די טרעפּ. —
נאָר דאָ אין שטוב ביים שווערן דעמבן־טיש,
האָט עמעצער אַ בלאַט פון בוך געמישט,

און איבער אים — פון באַלקן האָט געוואַכט
אַ לאָמפּן־ליכט אינמיטן פון דער נאַכט.
נאָר ווען דאָס איז געווען, און וואָסער צייט?
אין וועלכן אָרט? אָ, זייער, זייער ווייט!
צי בלויז דערפֿאַר, ווייל ס׳ציט דאָס האַרץ און צאַנקט —
זעט אויס, ווי דאָס וואָלט זיין שוין מי־יודע לאַנג?
צי בלויז דערפֿאַר, ווייל ס׳לעבט שוין נאָר אין טרוים,
ווייזט אויס דאָס ווייט און צו דערגרייכן קוים? — —
אַ פֿרעמדער שטיוול קלאַפּט דאָרט אָפּ די שוועל,
און וואַנט און באַלקן ווערן גרין און געל.
דער דיל קרעכצט טעמפּ אויף יעדן טראָט און ריר,
און ווילד דאָרט שרייט ביים עפֿענען די טיר.
דאָס דייטשיש לשון הילכט דאָרט פֿרעך און גראָב,
און ס׳פֿאַלט דערביי דער טינק פֿון שרעק אַראָפּ.
נאָר ערגעץ־ווו, באַהאַלטן, פֿון אַמאָל,
לעבט אַלץ אַ זכר, ווי אַ ווידערקול,
דאָרט לעבט נאָך אַלץ אַ שאָטן אין געהיים —
אַן איבערבלייב פֿון דעם, וואָס רופֿט זיך היים.

2

אָ, ווען איז דאָס געווען, אין וואָסער יאָר?
צי איז אַמאָל געווען דאָס אויף דער וואָר?
אינצווישן חיימען און יענער שטילער פֿרייד
האָט צוויי מאָל זיך אַ פֿייער אויסגעשפּרייט...
זיין איבערלעבונג איז געווען נאָך פּריש,
ווען ער איז דאָרט געזעסן ביי דעם טיש,
ווען ער האָט מיט דעם שיינעם העלד פֿון בוך
געבלאָנדזשעט און אַ וועג פֿאַר זיך געזוכט.
ביז בלוט האָט יעדע עוולה אים געקרענקט,
און יעדע רשעות האָט געמאַכט אים ענג
זיין לעבן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט,
אַז אים האָט לופֿט אויף אָטעמען פֿאַרפֿעלט.
און אומבאַמערקט האָט ער פֿאַרפֿרעסט אַ פּויסט,
און אומבאַמערקט איז ער אין גאַנצער גרויס
צוזאַמען מיט דעם העלד פֿון בוך אַוועק,

און שרייענדיק — די טיפֿע נאַכט געוועקט.
ניין, ניין! אים האָט זיך דאָס בלויז אויסגעדאַכט —
אין זיך האָט ער געוויינט, אין זיך געלאַכט.
ער האָט אַרום זיך קיינעם נישט געשטערט —
זיין שטורעם האָט דאָרט קיינער נישט דערהערט.
ער איז געווען פֿאַרטיפֿט אַלץ אין זיין העפֿט.
די מאַמע האָט געניים, נאָר ווי עס טרעפֿט,
ווען ס׳לויפֿט אַן אַנונג אָן פֿון ווייטער לייד —
געפֿירט אויף אים דעם בליק צעשטרייטערהייט.
דער טאַטע האָט געחשבונט און געטראַכט
און ווי געפּרוווט פֿאַריאָגן אַ פֿאַרדאַכט.
ער האָט זיין חשבון אַלץ נאָך נישט געטרויט,
אַז פֿון סך־הכל קוקט אַרויס די נויט. — — —
אין וועלכע וועלטן איז ער דאַן געווען?
צי האָט ער ידעמלט גאָרנישט נישט געזען?
אַז ער, דער טאַטע, איז פֿון דאגהן קראַנק,
אַז אָפּגעשריבן איז דאָ אַלץ שוין לאַנג:
דער טיש און די ירושהדיקע שרענק —
ווי האָט ער אין דעם אַלעם נישט געדענקט?
ווי ס׳וואָלט אַרומגערינגלט אים דער קרייז
פֿון ליכט, געהיטן ווי אַ גוטער גייסט
היט אָפּ פֿון פֿינצטערניש און שלעכטס —
פֿון טאַטנס דאגהן און פֿון מאַמעס קרעכץ,
איז ער געזעסן דאָרט און ווי פֿאַרבלענדט
געקוקט אַדורך די אָפּגעצוימטע ווענט. — — —
וואָס האָט ער דאָרט, פֿון יענער זייט, געזען?
אין וועלכע וועלטן איז ער דאַן געווען?
ער האָט געשפּירט דאָס אומגליק וואָס קומט אָן,
כאָטש דאָ דער טאַטע זיצט נאָך אויבנאָן,
און רעכנט, רעכנט נאָכאַמאָל און ציילט,
און לייגט צונויף דעם חשבון און צעטיילט,
און קנייטשט נאָך מער די אויסגעקנייטשטע הויט,
און פֿון סך־הכל — קוקט אַרויס די נויט.
די מאַמע שווייגט און טוט איר אַרבעט שטיל,
און בלויז פֿון צייט צו צייט קרעכצט אָפּ דער דיל.
ער האָט געוווסט, אַז צווישן אָט די ווענט

איז אַלץ פֿון אינעווייניק שוין פֿאַרלענדט,
און אַז זיין שטילע, זינגעוודיקע פֿרייד
האָט אים מיט זייער אונטערגאַנג צעשיידט.

3

סיווי האָט ער צום סוף זיך נישט דערטראַכט.
דערווייל איז דורך דער טאָג, דערנאָך — די נאַכט.
אין צושטאַנד פֿון האַלב־דרימל און האַלב־וואַך,
ווי ס׳טרעפֿט אַמאָל אונטער אַ פֿרעמדן דאַך,
האָט זיין פֿאַרגאַנגענהייט אויפֿסניי געבליט,
מיט אַלע זיבן פֿאַרבן אָפּגעהיט. — — —
און אויב ער האָט זיך שטילערהייט געוווּנדערט,
און אויב ער האָט דעם אונטערגאַנג צעשטערט
מיט זיין געלייטערט אינערלעך געזאַנג —
צי דאַרף פֿאַר אָט דאָס אַלץ איצט טאָן אים באַנג?
און אויב עס וואָלט געשען אַזאַ מין נס:
ווען פֿון זיין לעבן צען יאָר ער פֿאַרגעסט,
און ער וואָלט ווידער זיך געזעצט אַצינד
צום טיש, צוזאַמען מיט דעם הויזגעזינד,
און ס׳וואָלט דער זייגער זיך אַזוי געוויגט,
און ס׳וואָלט דער אומעט פּונקט אַזוי געשטיקט —
צי וואָלט ער נישט געגעבן זיך אַ שטעל
אויפֿסניי — מיט ווײ און וואָרגעניש אין קעל?
צי וואָלט ער ווידער זיי דען נישט פֿאַרלאָזט?
כאָטש איצטער ווייסט ער, וואָס דאָס האָט געקאָסט...
דער טאַטע איז געלעגן אינעם בעט,
דאָס איז געווען אָוונטצו, שוין שפּעט,
(די גאַנצע צייט זעט אים אויס איין פֿאַרנאַכט).
די קראָם איז שוין געווען פֿון לאַנג פֿאַרמאַכט:
אַ העלפֿט האָט צוגערויבט דער שטייער־אַמט,
די רעשטע האָט דער הונגער אויפֿגעראַמט.
דער טאַטע איז געלעגן אינעם בעט
און עפּעס שווערס און פּלאָנטערדיקס גערעדט.
און נאָר די מאַמע האָט געוווּסט זיין ווונק
און יעדן קער פֿון זיין געליימטער צונג.

און ער קומט אַן אַהיים, ווי ס׳קומט אַ גאַסט,
נאָך פול מיט רויש און רעגונג פון דער גאַס.
דער טאַטע הייבט פון קישן קוים דעם קאָפּ
און לאָזט אים באַלד, אַ שווערן, צ׳ריק אַראָפּ
און שטרעקט צו אים די ציטערדיקע הענט,
מסתמא האָט ער טאַקע אים דערקענט.
אַליין ענגער טרעט צום האַלדז אים צו דער קנויל,
און ס׳הייבט אַן ציטערן ביי אים דאָס מויל.
און חיים דרייט דעם קאָפּ אָפּ צו דער וואַנט,
די מאַמע זאָל נישט זען זיין טרער און שאַנד.
נאָר זי האָט טיי שוין פאַר דעם זון פאַרבריט,
דער טשייניק זינגט שוין טרויעריק און זידט.

4

ער האָט נאָך אַליץ צום סוף זיך נישט דערטראַכט...
אין אים נאָך לעבט די ווייטע ווינטער־נאַכט,
ווען ער איז מיט דעם שניי־באַדעקטן ברוק
אַוועק פון שטוב און זיך נישט אומגעקוקט.
נאָך אים האָט קיינער נישט די הענט געשטרעקט,
נישט פון פאַרצווייפלונג און אויך נישט פון שרעק.
די מאַמע איז געבליבן אין איר פיין
פאַרגליווערט און געווינט צום איינזאַם זיין.
און ער האָט נישט געוווסט, אַז איר געוויין
ער טראָגט אַרום פון שטוב אין צוגעהאַקטע ציין;
אַז אין זיין האַרץ, וואָס איז צונויפגעפּרעסט,
פאַרוואַנדלט ווערט איר עוולה — אין פּראָטעסט.
עס האָט שוין ערגעץ־ווו אויף אים געוואַרט
אַן אָנגעהייצטע בוידעם־שטוב, פאַרשפּאַרט
מיט יאַטן, אויסגעזעצטע ביי די ווענט,
און צווישן זיי דער בלייכער רעפערענט.
אַליין איז ער געווען שוין גאָר נישט יונג,
נאָר אין זיין אויג געפינקלט האָט אַ פונק,
און ווען ער איז געשטאַנען און גערעדט,
האָט אויסגעוויזן זיך, אַז ער דערזעט
דעם קוילנגרעבער אין זאַגלעמביער שאַכט,

דעם וועבער אין דער לאָדזשער ווינטער־נאַכט,
און וועגן זיי ער רעדט אויף דזשיקע־גאַס
און ווייזט דעם וועג צו ליבשאַפט — דורכן האַס.
צי הערט דען חיים דאָס צום ערשטן מאָל?
אָ, ניין! נאָר איצט, דורך יענעמס שטילן קול,
דורכוואָנען יעדעס וואָרט ווערט דורכגעגליט,
דערגרייכט די שנאה ביז צום בלוט און בריט.
און ווי מען וואָלט אַ שלייער פון זיין בליק
אַוועקגעשאַרט — ער זעט זיין שטוב צוריק:
ער זעט דער מאַמעס חרובע געשטאַלט,
פון וואַסער זייט — דער קלאַפּ אויף איר עס פאַלט;
ער ווייסט, אַז אין גערעטגל איז זי שוואַך,
אַז איבער איר — דער שטורעם רייסט דעם דאַך.
און ער, דער זון, וואָס ברענגט ער איצט פון גאַס,
אַ חוץ דעם שטרענגן אָטעם פון אַ קלאַס,
וואָס האָט דאָך אויך פאַר איר זיך איינגעשטעלט,
כאָטש זי געהערט גאָר צו אַן אַנדער וועלט...

5

און יעדער חלום זיינער נאָך געדענקט
די לעצטע וואָכן פון דעם טאַטנס קרענק.
דורך גאַנצע נעכט אין שטוב געברענט האָט ליכט.
די מאַמע האָט אויף עמעץ זיך געריכט,
באַצווינגען ריין דאָס אַלטע ברוינע בעט
און אָפּט דעם קאַלטן שטערן אים געגלעט.
מיט אומרו פלעגט זי צוגיין צו דער טיר,
ווי זי וואָלט אין אַ טונקלקייט געפירט.
דער רופא איז געקומען יעדע נאַכט
און יעדעס מאָל — פאַרשטאַרקט נאָך דעם פאַרדאַכט.
ער האָט אויף ספּירט געקאָכט זיין נאָדל־שפּיץ,
דורך אים האָט ער דעם קאַמפער איינגעשפּריצט
אין גליווערדיקן שטאַרבנדיקן בלוט
און צוגעזאָגט: עס קאָן נאָך ווערן גוט...
נאָר קיינער האָט זיין חכמה נישט געגלויבט,
די מאַמע האָט, ווי פון אַ קלאַפּ פאַרטויבט,

געקוקט אויף אים, געשאָקלט מיטן קאָפּ
און פֿאַר זיין טרחא אים דערלאַנגט די גאָב.
זי האָט אים גלייך אויף מאָרגן שוין באַשטעלט,
כאָטש יעדן מאָרגן האָט אַן אַנגסט פֿאַרשטעלט...
די טיר פֿון שטוב האָט מער שוין נישט גערוט,
געקומען איז אַ פֿריינד אויף אַ מינוט,
געקומען איז אַ שכנה מיט געקעכטס,
געקומען איז אַ קרוב מיט אַ קרעכץ.
מיט זיי האָט יעדעס מאָל געטאָן אַ שפּאַר
פֿון טיר — מיט קעלט, מיט חושך און געפֿאַר,
ווי יעדער איינער וואָלט מיט זיך געבראַכט
אויף איבערלאָזן דאָ אַ ביסל נאַכט.
די מאַמע איז געווען פֿאַרביסן-שטיל,
געהאַקט דאָס האָלץ און סאַמע מיטן דיל,
דערנאָך דאָס אין דעם אייוועלע גערוקט
און אָנגעצונדן און דערין געקוקט.

6

אַ כוואַליע איז געקומען און אַוועק,
און חיים האָט זיך אַלץ נישט אויפֿגעוועקט;
אים האָט אַ בין-השמשות זיך געדאַכט —
ער האָט צוריק די אויגן צוגעמאַכט.
...אינמיטן נאַכט, אין וואַרשע, ס'פֿאַלט אַ שניי.
ער איז אַרוים אויף מילדערן דעם וויי.
די שטוב איז פֿול מיט אימהדיק געקלאָג,
וואָס האָט באַגלייט אים ביז אַהער צום ראָג,
געקומען איז אַ מנין פֿונעם הויז,
אַ מנין יידן — אויף באַקלאָגן בלויז.
זיי האָבן ראַפּטעם זיך אַריינגעשטעלט,
ווי שוואַרצע שאָטנס פֿון אַן אַנדער וועלט.
געפּאָרעט זיך אַרום דעם טאַטנס בעט,
מיט שטרענגע רייד אין אים אַריינגערעדט,
זיין אָטעם מיט אַ פֿעדער אויסגעהערט
און אָפּגעהויבן אים אויף הוילער ערד.
זיי האָבן אים מיט שוואַרצן איינגעדעקט

און אויף דערשלאָפן זייער שלאָף אַוועק,
ווי ס׳וואָלט דערוואַרט זיי נאָך אַזעלכע נעכט
און שכנים — אויף צו טאָן זיי זייער רעכט.
און איצטער איז די שטוב שוין שוואַרץ און פול
מיט ווייבערישן ניגון פון דער שול.
זיי ליגן אויף דער ערד, די הענט צעשפּרייט,
און טענהן מיט משונהדיקע רייד.
ביים מת צוקאָפּנס שמעלצט זיך אוים דאָס ליכט,
און דאַכט זיך, אַז אין שאָטן אַלץ צעקריכט,
און בלויז די מאַמע זיצט אויף דר׳ערד ביים ברעג
און שווייגט מיט שוואַרצע אויגן אויף דער שרעק.

— — — — — — — — —

אינמיטן נאַכט, אין וואַרשע, ס׳פאַלט אַ שניי.
ער איז אַוועק אויף מילדערן דעם ווייי.
אָט פאַלט אַ שנייעלע און לעשט זיין הויט —
— ווי מיאוס, אוי, ווי מיאוס איז דער טויט!
ער שטייט ביים ראָג און וויקלט זיך אין ווינט.
דער שניי פאַרשיט, פאַרוויט — דער טויט פאַרשווינדט.
ער אָטעמט טיף, די קילע לופט ער שעפּט.
עס קלאַפּט זיין האַרץ, זיין בלוט קרייזט אום און לעבט.
אויף וויעס האָבן שנייען זיך צעטויט —
ווי מיאוס, אוי, ווי מיאוס איז דער טויט!

7

...דער טאַטע איז שוין לאַנג אין שטוב נישטאָ.
ס׳איז אָנגעהייב זומער און ס׳איז אָוונט-שעה.
די מאַמע ענדיקט צירעווען אַ זאָק
און ס׳פאַלט פון טיכל איר אַ ווייסער לאָק.
די שאָטנס גייען פון די ווינקלען דיל —
אין שטוב ווערט ענג און אָנגעשטעלט און שטיל.
ער טוט זיך איבער, גרייט זיך צו צום גיין —
די מאַמע איז געווינט צו זיין אַליין,
און דאָך וואַרפט זי אַ שוויגנדיקן בליק:
אויך היינט ער וועט דען קומען שפּעט צוריק?

און ווי נאָר ער פֿאַרמאַכט די טיר נאָך זיך —
ער שפּרינגט אויף טרעפּ צו צוויי אַריבער, גיך,
ער לויפֿט אַדורך דעם טונקלען, ענגן הויף
און — מישט זיך מיט אַ גאַנצער גאַס צונויף.
צום ליבסטן האָט ער זי אין אָוונט־צייט,
ווען אַלע וועגן ווערן ווידער ווייט
און ווי אין קינדער־יאָרן, נישט פֿאַרשטעלט —
זיי פֿירן ווידער אין דער גרויסער וועלט.
און ליב האָט ער דעם שרייאיקן המון —
ער האָט מיט אים זיין יוגנט אָפּגעוווינט.
אים האַלט זיך, אַז מיט יעדער גרויער וואַנט
איז אים אויך יעדעם פּנים דאָ באַקאַנט.
נאָר איצט ער דאַרף נישט ווערן דאָ דערקענט.
ער איילט אַוועק. די גאַס האָט זיך צעברענט
מיט נעאָן־פֿייער און מיט בלויען ליכט,
וואָס טוישן איבער זיך אויף זיין געזיכט.
ער איילט אַוועק אין יענעם עק פֿון שטאָט,
וווּ ס׳וואַרט היינט די געפּאַר אויף אים און דראָט...

זיי טרעפֿן זיך צונויף דאָרט אַלע פֿיר
און טיילן זיך מיט קליי און מיט פּאַפּיר,
און פֿון פּלאַקאַטן שמעקט די פֿרישע פֿאַרב,
ווי זייער אינהאַלט: דראָענדיק און האַרב.
די גרופּע וואַרפֿט זיך אויף די גרויע ווענט,
פֿאַרכאַפּט די שטאָט מיט אירע הוילע הענט,
די גרופּע שפּאַנט, און אַלע — שטרענג און בלאַס,
זי נעמט אַצינד שוין איין די פֿינפֿטע גאַס.
דאָס לעצטע הויז טרעט אָפּ, ס׳פּאַפּיר פֿאַרשווינדט,
און די לאַמטערנס צאַנקען אין דעם ווינט.

ער קומט אַהיים. ער איז היינט טאָפּל גוט.
עס וויגט זיך, ווי אין שיכּרות, נאָך זיין בלוט.
ער רעדט איצט צו דער מאַמען פּראָסטע רייד,
נאָר פֿון די אויגן שפּאַרט אַרויס די פֿרייד.
די מאַמע איז געוווינט צו זיין אַליין,
נאָר אָט די רייד — זי קאָן זיי נישט פֿאַרשטיין.

8

די צווייטע נאַכט דערנענטערט זיך צום סוף,
און חיים קערט זיך אום פון שווערן שלאָף.
אין וועג ער שפּאַנט אַריבער נאָך אַ יאָר:
...אינגאַנצן ווייסע זענען שוין די האָר
פון מאַמעס מידן, אויסגעזאָרגטן קאָפּ.
זי גיט שוין נאָך, זי לאָזט אים אָפּ אַראָפּ.
זי איז צו שוואַך אויף שטיין דעם זון אין וועג —
נישט אַלץ געפעלט איר, נאָר זי קוקט אַוועק.
איר ערשטע קראַפּט זי זעט אין אים אויפסניי —
ער מוז אַוועק, ער מוז זי גיין פאַרביי.
און ער? צי איז ער איר דען נישט קיין זון?
צי האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט דערפון?
נישט איין מאָל, ווען ער בלייבט מיט זיך אַליין,
דעריאָגט אים מיטאַמאָל אַ שטיל געוויין,
דער ניגון פון אַ נאָגנדיק געבעט,
און ווי ער וואָלט געכאַפּט זיך ביי אַ חטא
און ווי ער וואָלט פאַר וועמען זיך פאַרשעמט —
ער כאַפּט צוריק און ווערט איר ווידער פרעמד.

— — — — — — — —

מיט רחלען רעדט ער יעדן אויפדערנאַכט,
ווי זילבער ווערט איר שטימע, ווען זי לאַכט.
אַמאָל געשעט, זיי טרעפן זיך ביי טאָג,
אינמיטן פון אַ טומלדיקן ראָג.
און דעמאָלט איז איר פּנים אויפגעלעבט,
איר ברוסט — מיט טרייען אָטעם אָנגעשעפּט.
און פון דעם אָנגעפּלייצטן טראָטואַר
ער טרעט אַריין מיט איר אין דער געפאַר —
און ווען דער ברוק איז פון המון פאַרפּלייצט,
לייכט אויף אַ פּאָן, ווי פון אַ רוף געריצט.
ער שפּאַנט, און רחל גייט מיט אים אין גאַנג,
דאָס מויל פאַרברענט פון פייערדיק געזאַנג,
און ס'ווערט איר האַנט אַ דראָענדיקע פויסט,
אין אויג די שנאה — ביז צום דעק אַנטבלויזט.

ער לאָזט זי, ווי אַ פויגל, אָפּ אין פלי,
און ער — נאָך איר, מיט לייכטקייט אין די קני.

9

און פּלוצעם ווערט צעהאַקט דער מאַרש אויף צוויי,
און צווישן ביידע העלפטן — פּאָליציי.
עס שטעלן דיבאָם זיך די שוואַרצע פערד,
און אויף אַ זייט עס בייגט זיך אוים די ערד.
די דעמאָנסטראַנטן פאַלן גאָם אַראָפּ,
און צווישן זיי פאַרלירט זיך רחלס קאָפּ.
אין זיינע אויגן טוט אַ לויף דער פלאַם
און לעשט זיך אוים. דאָם איז די פאָן מסתם,
וואָס ראַנגלט זיך נאָך אין געטרייע הענט.
און אפשר נישט, האָם האָט געטאָן אַ בלענד
ביי אים אין בליק דער שמיר פון אַ נאַהיי
פון פּאָליציאַנט, וואָס איז פאַר אים פאַרביי.
פון אַ רעוואָלווער פאַלט אַ שנעלער שאָם,
דערנעבן האָט זיך ווער אַראָפּגעלאָזט.
ער שטעלט זיך אָפּ און בייגט אויף אים זיך אָן,
דערזעט אין יענעמס הענט די רויטע פאָן.
ער נעמט זי צו און טוליעט זי צום לייב
און אויפן האַרטן ברוק דער חבר בלייבט.
ער יאָגט אַדורך דעם פּוסטן פּלאַץ, עס פייפט דער ווינט.
עס ברעכט זיך איין די גאָס, נאָר ער איז בלינד.
ער שלאָגט זיך דורך קאָרדאָנען און דורך הייף,
און ס'גרייכט אים נישט קיין קויל אין זיין געלויף.
ער רייסט זיך גאָס אַראָפּ און גאָס אַרויף,
די רויטע פאָן אויפסניי ער וויקלט אויף,
און דאָ, אין צווייטן עק שוין פון דער שטאָט,
פאַלט ווידער זיך צונויף אַ טראָט מיט טראָט,
זיי גייען ווידער גאַנצערהייט צוריק,
ווי קיינמאָל נישט צעקלאַפּט און נישט באַזיגט.
און חיים האָט אינמיטן גאַנג דערשפּירט,
ווי עמעץ האָט זיין אָרעם שטיל באַרירט.

ער קוקט זיך אום — דאָס איז דאָך טאַקע זי,
איר טראָט דער אָנגעשפּאַרטער, ווי צום פלי,
מיט בונט און ווידערשפּעניקייט אין אויג,
מיט פלינקער זיכערקייט אין יעדן בויג,
מיט אָפּגעדעקטע, זינגענדיקע ציין
און מיט די פויסטן — האַרטערע פון שטיין.

10

און אַט האָט זיך געענדיקט שוין די נאַכט,
און חיים האָט פון שווערן שלאָף דערוואַכט.
מטושטש אין דעם ערשטן אויגנבליק —
האָט אים צום טרוים געצויגן נאָך צוריק.
ס'איז עפּעס וואָס געווען נאָך אים נישט קלאָר,
ס'איז שווער געווען אים תּופס זיין די וואָר.
וווּ איז ער איצט? ווו שטייט עס איצט זיין בעט?
צי איז איצט מאָרגן־פרי? און אפשר אָוונט־שפּעט?
פון דרויסן פאַלט דאָס ליכט פאַרנאַכטלעך־גרוי,
נאָר לעבן זיך, דערזעט ער, שלאָפט זיין פרוי,
די מידע הענט — האַלב־אָפן, האַלב־פאַרמאַכט.
זאָל אמת זיין, אַז איצט איז גאָר פאַרנאַכט?
און מיטאָמאָל, ווי ס'וואָלט אַ זייל פון ליכט
אַ שפּאַר געטאָן פון ערגעץ אומגעריכט,
האָט זיך זיין גאַנצע וואָר פאַר אים אַנטפּלעקט —
און אַט אַזוי האָט ער זיך אויפגעוועקט.
ער איז פון וועג געווען שוין אויסגערוט,
נאָר נישט פון ווילדן וואַנדער פון זיין בלוט,
וואָס האָט זיך אַ מעת־לעת אַרומגעשלעפּט
אויף אַלע ערטער, ווו ער האָט געלעבט.
איצט איז ער דאָ, איצט הייבט ער אָן אויפסניי.
דער קאָפּ איז קלאָר, די אויגן זענען פריי.
דאָס אַלץ, וואָס האָט איז שלאָף זיך אויסגעדאַכט,
איז נישט געווען פון חלום בלויז פאַרטראַכט —
מיט אים איז דאָס געשען אויף אַט דער וועלט.
דער חלום האָט בלויז אַנדערש דאָס צעשטעלט.

און ערטערווייז פאַרשטאַרקט האָט ער דאָס ליכט,
און אַנגעיאָגט די שאָטנס צו געדיכט.
נאָר אין דער אמתן איז האָך דער וועג
פון לעבן זיינס געווען דורכוים געשלעג,
און נישט געווען קיין טראָט איז אויף דער ערד,
ווו ער זאָל זיך נישט האָבן דאָרט געווערט.
און ווי אַ פּאַס פון ליכט — פון ווייט צו ווייט —
שלאָגט פון זיין קינדהייט ביז צו שפּעטער צייט.
אין אַט דעם ליכט וועט האַלטן זיך זיין גוף,
און ווידער וועט ער דורכגיין פּרווו נאָך פּרווו.

קאַפּיטל זיבן

1

ווער ס'האָט אין יענער אימהדיקער צייט
זיך נישט געפונען דאָ, אויף אונדזער ערד —
וועט קיינמאָל נישט באַנעמען דעם באַדייט
פון דעם פאַרהונדערט אונדזערן, זיין ווערט.

ווער ס'האָט נישט מיטגעשפּאַנט מיט אונדזער טראָט
צום ווייטן ציל — דורך העלדישקייט און גרויל —
פאַר דעם וועט אונדזער אויפשטייג, ווי אַ סוד,
פאַרבלייבן אין דער אייביקייט פאַרהוילט.

ווער ס'האָט נישט מיטגעלעבט מיט אונדזער דור,
און דווקא דאָ, וווּ ס'האָט די ערד געגליט,
וועט קיינמאָל נישט באַגרייפן קאָנען קלאָר
די קראַפט פון אונדזער אומרואיק געמיט.

געגאַנגען איז דער צוועלפטער טאָג פון קריג.
געשפּאַרט האָט פון די גרענעצן דער דראַנג
פון ווילדער האָרדע, וואָס האָט שטיק נאָך שטיק
געשניטן אונדזער ערד מיט קייטן־קלאַנג.

נאָר אונדזער האַרץ האָט אַלץ נאָך נישט געגלויבט,
און אונדזער בלוט האָט אַלץ זיך נאָך גענאַרט —
און פון די שטעט, צעריבענע אויף שטויב,
מיר האָבן בריוו פאַרשפּעטיקטע דערוואַרט...

פאַר אונדז איז מער שוין נישט געווען קיין רו,
און ס'האָט דער ווייטיק יעדערן דערמאָנט,
אַז ער האָט אויך געלאָזן ערגעץ־ווו
אַ נאָמען, וואָס איז טייער אים און נאָנט.

צעשמעטערט האָט דער צאָרן אונדזער שרעק
מיר האָבן נישט באַהאַלטן אונדזער בליק:
דער רויטאַרמייער האָט געדענקט דעם וועג,
מיט וועלכן ער וועט דאַרפן גיין צוריק...

אַ סימן איז געווען אים יעדע שטוב,
אַ סימן אויך — זיין נישט געשטילטער וויי;
אַ צייכן איז געווען דער טאַנק אין גרוב —
דער טויטער דייטש אינמיטן פון שאָסיי...

2

ווער ס'איז אין יענע איצטיקע טעג
מיט אונדז נישט מיטגעגאַנגען אינעם מאַרש —
וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין, ווי אין געשלעג
דורך העלדישקייט באַזיגט ווערט די געפאַר.

נישט נאָר דער וואַלד געלייגט האָט זיך אין ברייט,
נישט נאָר דער ווינט געשטעלט האָט זיך אין שוץ —
אין צאָרן האָט פאַרוואַנדלט זיך די פרייד,
און אין פאַרביסנקייט — פון האַרץ דאָס גוטס.

ס'האָט יעדע שטאָט פאַרטייעט אָפּגעוואָרט,
אין יעדן דאָרף איז גרייט געווען אַ נעץ,
און יעדעס מאָל דעם שונא אָפּגענאַרט
און מיט זיין שמוציק בלוט די ערד באַנעצט.

אויף פעלדער האָט געפוילט שוין זיין געביין,
די זומער־זון פאַרבאַקן האָט זיין בלוט.
אין זיינע געלע, שטשירענדיקע ציין
האָט שטיל דער ווינט אַריינגעמורמלט: גוט!

דער שונא האָט געריסן זיך פאָרויס,
געשטויסן פון דעם בלוט- און רויב-פאַרמעסט,
און אין זיין גאַנג געצונדן הויז נאָך הויז,
און אומעטום פאַרשפּרייט זיך, ווי א פּעסט.

ס'האָט ווילנע שוין געהערט זיין שווידער-שפּראַך,
און מינסק האָט שוין געזען דעם האַקנקרייץ.
אַרויף איז ער שוין אויף א מאָסקווער שליאַך,
געטראָטן שוין דעם אוקראַינער ווייץ.

3

אויך חיים האָט דעם דריטן טאָג פון יול
פון ווייט דערהערט דעם חבר סטאַלינס רוף.
און ס'איז דאָס האַרץ ביי אים געוואָרן פול,
ווי אָנגעפליצט מיט בלוט פון גאַנצן גוף.

און יעדעס וואָרט געווען איז א באַשייד
פאַר דעם, וואָס ער אליין האָט קוים געאָנט,
און אויפגעוועקט ביי אים אזא מין פרייד,
ווי ער וואָלט עפּעס ווינטיקס זיך דערמאָנט...

ווי שווער געווען איז פון דער היים אַוועק,
כאָטש דאָ איז ער דאָך אויך נישט אין דער פרעמד.
עס ליגט אויף אים דער שטויב נאָך פונעם וועג,
מיט מידקייט איז זיין בליק אַרומגערעמט.

און דאָך, ער פילט גאָר נישט די גאַנצע ווייט,
וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט נאָך זיינע טריט:
ער מעסט זי נישט מיט שטח, נאָר מיט צייט,
און זי — איז איצט פון פייער אָנגעגליט.

נישטאָ קיין ווינקל מער אויף אונדזער ערד,
וואָס זאָל פון אָטעם אירן זיין איצט פריי,
זי האָט די זעלבסטצופרידנקייט צעשטערט
און איז, ווי פלאַם, מיט יעדן ווינט פאַרביי.

ער האָט געזאָגט אין שטוב, וווהין ער גייט,
געזאָגט און אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט,
ער גייט איצט פרייוויליק אין דער אַרמיי,
און ס'פילט זיין האַרץ דאָס פייער שוין פון שלאַכט.

ער האַרף אַוועק, דאָס ווייסט ער אויף געווים,
און אויב אַזוי — איז זאָל געשען דאָס באַלד.
און זאָל זיך אים נישט לייגן פאַר די פּים
דער שאָטן פון אַ נאָענטער געשטאַלט.

ס'האָט רחל אויפגעהויבן בלויז דעם בליק,
דער שווער האָט אָפּגעשוויגן אין אַ זייט —
זיי וואָלטן אים מסתּמא אַליין געשיקט,
ווען ס'וואָלט נישט אויסגעזען זיי שרעקלעך ווייט...

ווייל נישט פון פייער און אויך נישט פון טויט,
וואָס דראָעט אים, זיי האָבן איצט געטראַכט,
נאָר פון דער ווייטקייט, וואָס האָט אים פאַרגרויט,
און פון דעם וועג — דורך צען מאָל טאָג און נאַכט.

נאָר אים אַליין זעט אויס אַלץ אַזוי נאָענט
און פון זיין יוגנט נאָך — שוין לאַנג באַקאַנט.
אַ טראָט — און ער אַליין איז ביי דעם פראָנט,
און שטרעקט צום פייער אויס זיין דרייסטע האַנט...

4

מען האָט אים איינגעשריבן אין אַ בוך,
דערנאָך האָט אים אַ דאָקטאָר אויסגעהערט,
געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז דאָס האַרץ אים דוכט...
נאָר חיים האָט זיך שמייכלענדיק געוועהרט.

דאָס האַרץ איז דורכגעגאַנגען שוין אַ סך
און איז שוין לאַנג מיט ווייטיק דורכגעזאַפּט.
קאָן זיין, דערפאַר עס רעדט אַ שנעלע שפּראַך
און איילט זיך אומגעדולדיק, ווען עס קלאַפּט.

נאָך ס׳מאַכט נישט אויס, דאָס האַרץ איז אַלץ נאָך שטאַרק,
גענוג אויף אויסצוהאַלטן יעדן פּרוּוו,
גענוג אויף צו באַדינען אין געפאַר
דאָס שנעלע לויפן פון דעם בלוט אין גוף.

„איז, חבר דאָקטאָר, הער נישט אויס מיין לייב,
דו הער זיך בעסער איין אין מיינע רייד —
אַז דאָס, וואָס יאָגט מיין האַרץ אַזוי און טרייבט,
איז אפשר אומגעדולד און אפשר — פרייד...״

דער דאָקטאָר פרעגט אים וועגן דעם געהער,
דער דאָקטאָר פרעגט אים אויך וועגן דעם בליק.
„ניין, דאָקטאָר, מיר איז אבסאָלוט נישט שווער
צו קוקן איבער טויזנט מייל צוריק!

איך זע אַצינד די פלאַמענדיקע שטעט,
איך זע די ערד, וואָס ווערט פון פיינט באַפלעקט,
איך הער פונהאַנען, פון דיין קאַבינעט,
דעם יאָמער און דעם אויסגעשריי פון שרעק!״

דער דאָקטאָר הערט זיך אַלץ נאָך צו און וואַרט,
און אויף דעם בלאַנק ער קוקט אַ ווייל פאַרטראַכט.
און פּלוצעם פרעסט ער איין די ליפּן האַרט
און שרייבט אָן: „פּעיק אויף צו גיין אין שלאַכט״.

דער קאַפּיטאַן באַשטימט פאַר אים אַ טייל
און צייכנט אָפּ אין ביכל זיין באַרוף,
אַט איצט איז ער אויף פירן קריג דערוויילט,
אויף דורכצוגיין דעם לעצטן, שווערסטן פּרוּוו.

מען הייסט אים גיין אהיים אויף זיבן טעג
אויף זיך געזעגענען מיט הויזגעזינד,
אויף צוצוגרייטן זיך אין וויטן וועג,
אויף אָפּגעוויינען זיך פון דעם, וואָס בינדט.

ער גייט אין גאַס, און אַלץ זעט אויס אים פריש,
אויף אַלעם לייגט זיך איצט אַ נייע פאַרב.
ווי ס'וואָלט די זון זיך אין זיין בלוט צעמישט
און אויפגעגאַנגען יום־טובדיק און האַרב.

5

דערווייל דערנענטערט זיך די לעצטע שעה,
ווען חיים דאַרף זיך לאָזן אינעם וועג.
סיי־ווי איז ער שוין אויף דער העלפט נישט דאָ,
נאָר ערגעץ אין אַ העלישן געיעג.

וואָס דאַרף ער נעמען מיט זיך אין זיין גאַנג,
און וואָס וועט ער דאָ לאָזן אויף דער ערד?
ער קוקט זיין קינד אָן פאַרשנדיק און לאַנג,
ווי ער וואָלט אין זיין בלוט זיך איינגעהערט.

צי האַלט ער איצט זיין איינציק קינד אין שויס?
צי גלעט ער אירע האָר נאָך מיט זיין האַנט?
און אפשר איז דאָס זיין זכרון בלויז,
א פרייד, וואָס איז אים פון אַמאָל באַקאַנט?

ער טוליעט פעסטער זי צו זיך און רעדט
אַ שטאַמל־שפּראַך, אַז זי זאָל אים פאַרשטיין.
נאָר זי ווערט דורכזיכטיק, און ער דעריזעט,
ווי זי הייבט אָן אין זיינע הענט צעגיין...

און מיטאַמאָל וואַכט אויף אין קינד אַ שרעק,
און זי צעעפנט אירע אויגן ברייט;
צי ווייסט זי אויך שוין, אַז ער איז אַוועק,
אַז ער האָט מיט זיין שאָטן זיך צעשיידט?...

6

ווער האָט אים אינעם וועג אַרויסבאַגלייט?
ווער שטייט דאָס אַלץ נאָך דאָרט, ביים גרינעם פּלויט,
און קוקט אים נאָך, ביז וואַנען ער פאַרגייט
אין נעפּל און ער ווערט פון אים פאַרגרויט?

צי שטייט איצט דאָרטן רחל מיטן קינד?
צי איינגעבויגן שטייט זיין אַלטער שווער?
אין פּלאַטער פון שפּעט-זומערדיקן ווינט
אַ בוים פאַרשיט מיט בלעטער זיין געהער.

ווער שטייט עס דאָרט און קוקט אים נאָך פאַרשטאַרט.
ווי ער מישט אויס זיך מיט דעם ווייטן ליכט?
זאָל זיין, אַז עמעצער פון זיי דאָרט וואַרט
און האָפט, ער זאָל צוריקגיין אומגעריכט?

גיין, אויף זיין רוקן הענגט דער גרינער זאַק,
וואָס רחל האָט גענייט מיט אירע הענט,
און דאָרט אַהין האָט זי אַריינגעפּאַקט,
וואָס זי האָט נאָר אים מיטגעבן געקענט.

ווי לאַנג וועט זיין איר ריח לעבן אים?
ווי לאַנג נאָך וועט איר שאָטן נאָך אים גיין?
ווי לאַנג וועט ער געדענקען נאָך איר שטים
פון זאָרג און איינגעהאַלטענעם געוויין?

ער גייט אַוועק, דער ווייטער רויש פאַרטויבט,
דער ווייטער פלאַם פאַרטריקנט אַלץ אין בליק,
און ס'הייבט שוין אָן דער פליענדיקער שטויב
פאַרשיטן יעדן סימן אויף צוריק.

די זון הייבט אָן פאַרברענען שוין זיין קלייד
און אַלע פאַרבן, וואָס ער טראָגט אויף זיך.
און אַלע קרומע שטיינער זענען גרייט
אויף אויסצושלאָגן פונקען אין די שיך.

ער גייט אַוועק פון קינד, וואָס קוקט אים נאָך
מיט שרעק און וווּנדער ביז צום האָריזאָנט,
און בלויז זיין רוקזאַק, ווי אַ ליבער יאָך,
וועט אים באַגלייטן ביז צום סאַמע פראָנט.

עד, ווינטן פון דער פלאַמענדיקער ערד!
נעמט אויף אַ מענטש, וואָס האָט איין ציל געהאַט,
מיט לייב־און־לעבן אַט דעם ציל געהערט —
נעמט אויף אים, ווי אַ פּשוטן סאָלדאַט!

7

דערפאַר, ווייל ער וועט זיי שוין נישט דערזען
ער דרייט זיך אוים צוריק און קוקט זיך אום...
ס'איז בלויז די גרויע ווייטקייט דאָרט געווען,
און בלויז די זומער־שטילקייט — אים אַרום.

עס וואַקסט די ערד אַן צווישן אים און זיי,
און דער מהלך וויקלט זיך אַרוים.
און בלויז דער לייכטער ווינט איןביימער־ריי
דעריאָגט אים נאָך און לויפט פאַר אים פאָרויס.

דער שטויב פון וועג פאַרווישט דאָרט זיינע טריט
און לייגט זיך, ווי אַ משא, אויף זיין גוף,
וואָס ער פירט איצט אַוועק אין סאַמע מיט
פון וועלט און קלעטערט מיט אים באַרג אַרויף.

פון דאָרט וועט ער דערזען אַ זון־פאַרגאַנג,
וואָס מישט זיך מיט די פלאַמען פון דער ערד,
פון דאָרט וועט ער דערהערן דאָס געזאַנג,
וואָס ער האָט אינעם וויגל נאָך געהערט.

8

יאָ, ער געדענקט נאָך יעדן מינדסטן פּרט,
און אויסגעהיט איז נאָך די ווייטסטע פרייד,
וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט בלויז געהאַט:
די יונגע מאַמע אין איר מאָרגן־קלייד.

זי גייט צו אים מיט אויסגעשפּרייטע הענט,
און פון איר שיינעם שמייכל דורכגעהעלט.
זי דעמלט, ווערט אויפסניי זיין בליק פאַרבלענדט
און אַלע שרעקן — מיט איר גוף פאַרשטעלט.

ניין, נישט איר עלטער און אויך נישט די זאָרג
האָט נישט געקאָנט צעשטערן אַט דאָס ליכט,
וואָס איז געגאַנגען אַלץ פון יענעם אָרט —
פון מאַמעס ליב און שמייכלענדיק געזיכט.

און ער איז זיכער: ס׳מוז נאָך זיין די וויג,
וואָס האָט אַמאָל אים אויפגעוויגט צו טרוים, —
דאָס אַלץ איז האַרט אויף יענער זייט פון קריג,
אויף יענער זייט פון ברענענדיקן רוים.

ער גייט אַהין, ער מוז אַהין דערגיין
און נאָכאַמאָל דערשפּירן יענע לופט,
וואָס האָט מיט אַלע פריידן און געוויין
אַ העלפט פון לעבן זיינעם אויסגעפּרוווט.

קאַפּיטל אַכט

1

צי דאַרף מען פון זכרון זיך באַפרייען,
צי דאַרף מען אין דער קינדהייט דעם פאַרגעסן,
בכדי ס'זאָל ווערן לייכטער צו פאַרדייען
די קאַשע פונעם זעלנערישן קעסל?
פאַרקערט, זיי האָבן ליב אין פרייע שעהן
זיך אויסצוזעצן גרופּעסווייז, צוזאַמען,
און אויסדערציילן פּינקטלעך, מיט הנאה,
ווי ס'האָט געהאַט די היים דאָרט אַלע טעמען.
וואָס פאַר אַ הימל האָט געלייכט אין פענצטער,
און וואַסער בוים געבלעטערט זיך אין דרויסן,
און יעדער מאָלט זיין ווינקל אויס צום שענסטן,
און יעדער ווייסט, מיט וואָס ער זאָל זיך גרויסן.
זיי אַלע האָבן זיך אַהער פאַרקליבן
מיט אַרטיקע און גוט באַקאַנטע וועגן,
און איינגעוואָרצלט זענען שטיין געבליבן
די היימען זייערע אין אַט דער געגנט.
און אויב אַן זיי דאָס גראָז וועט דאָרט פאַרוויאַנען,
און אויב אַן זיי אַ שניי וועט זיך דאָרט שפּרייטן —
איז אַלץ די זעלבע ערד נאָך דאָרט פאַראַנען,
וואָס וועט אויף זייער אומקערן זיך גרייטן.
זיי האָבן נאָך נישט אויסגעטאָן די קליידער,
וואָס זענען ביז צום פאָדעם דורכגעדרונגען
מיט יענער לופט, וואָס איז נישט אָפּצושיידן
פון בלוט — אָן איינגעזאַפּטע אין די לונגען.

נאָר ווען זיי וועלן אויך די קליידער בייטן
און זיין געהילט אין שוץ־געוואנט אין גרינעם;
און ווען עס וועלן ברענענדיקע וויטן
מיט היץ דעם אָטעם זייערן פאַרכלינען —
אויך דעמלט וועט נאָך, ביז דער לעצטער רגע,
באַגלייטן זיי דער שוידער פון די גראָז,
וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אינעם רעגן —
אויף יענעם אָרט, וואָס יעדער האָט פאַרלאָזן.
און גייענדיק פון פייער ביז צו פייער,
און שטייגנדיק אריבער העכסטן שייטער,
וועט אַלץ די היים נאָך בלייבן ליב און טייער
און, ווי דאָס אייגן לעבן, נישט דערווייטערט.

2

זיי מעגן רעדן מיט צוויי פרעמדע שפּראַכן —
דער אינהאַלט איז דאָ אַלעמען פאַרשטענדלעך:
זיי אַלע טראַכטן פון די זעלבע זאַכן,
וואָס זענען נאָענט, אייביק און אומענדלעך.
מאַקסים מיכיילאָװ, וואָס ווערט איצט פאַרטראָגן,
ביי דעם וואַרשטאַט דורך אַ באַקאַנטן מיידל,
און דער קאָזאַך סאָביט, וואָס אויף קיין אָטעם
אין סטעפּ מיט זיינע שאָף פלעגט זיך נישט שיידן,
פאַר ביידן האָט דאָס לעבן זיך געענדערט,
זיי ביידע וועלן דאַרפן איצט פאַרטוישן
די היימען זייערע — אויף שטעט און לענדער,
און זייער רו — אויף פייער און גערויש.
די זעלבע אומבאַשטימטקייט האָט דערוואַרט זיי,
און זיי געשראָקן, און צו זיך געצויגן;
ביי ביידן האָט די אַנגסט געקלעמט אין האַרצן,
דאָס אומגעדולד — געבלאַנדזשעט אין די אויגן.
זיי זענען נאָך אין זייער קאַנט געגאַנגען,
זיי האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן איבן,
צו קאָנען מיט דעם זעלבן טראָט דערלאַנגען
צו שטעט, פון וועלכע ס'איז נאָר אַש געבליבן.

די היץ פון פראַנט — זיי פילן זי דאָך דאָ שוין,
און יעדער לערנט זיך מיט פלייס זיין ארבעט,
ווייל שלאָגן וועלן זיי זיך מיט איין לשון,
און מיט איין וואָרעם ליב אין שלאַכטן האַרבע.
כל־זמן עס וועט אַ שפּאַן צום פיינט נאָך פעלן,
וואָס איז פון זייער דראַנג נאָך נישט באַטראַכטן —
זיי וועלן איינס דאָס אַנדערע פאַרשטעלן
מיט לייב און ליבע און דעם לעצטן אָטעם.
און אפשר וועלן ביידע איבערבלייבן,
און אפשר וועט נישט בלייבן מער ווי איינער —
וועט ער זיין בריוו פאַראייניגטס אויך שוין שרייבן
צו זיינע אייגענע און צו די שכנים.
און אפשר וועט אַ מאַמע זיך דערפרייען,
און אפשר וועלן ביידע גאָר באַקלאָגן,
און ס׳וועט דער זעלבער איינער ווינט פאַר צווייען
דעם רום און אומרו זייערן צעטראָגן.

3

מאַקסים האָט פולע, יינגלשדיקע ליפּן
און אויסגעשפּרייטע, פליגלדיקע אַקסלען,
נאָר אים אַרום, זיך שפּירט, איז פריי געבליבן
געננג נאָך רוים, אַז ער זאָל קאָנען וואַקסן.
זיין טראָט איז נאָך אינגאַנצן נישט קיין גראָדער —
אינמיטן גאַנג ער נעמט נאָך אונטערשפּרינגען.
מיט פרישן נייגער זענען אָנגעלאָדן
די שפּיצן פון די זוכנדיקע פינגער.
זיין בליק איז נאָך נישט פעסט און אויסגעמאָסטן,
און זיין באַוועגונג האַלט נאָך אינעם רייפן,
זיין קינדהייט האָט פון לאַנג שוין אויסגעלאָזט זיך,
נאָר זיינע גלידער האַלטן נאָך אין שטייפן.
דאָס לעבן איז אַ לאַנגע קייט פון וואונדער,
און אַלע פאַרבן קלייבן זיך אַרום אים,
און יעדע פון זיי ווערט אַנטדעקט באַזונדער
אין ווינטער־שניי און אין דעם גרינס פון זומער.

זיין ברודער איז פון שטוב אַוועק נאָך פריער —
דער ברודער איז אַוועק אויף דער מלחמה,
ווען ס'האָט די ערד געהאַלטן נאָך אין בליען
און אין דעם ווייץ געציטיקט האָט דער זאָמען.
דער ברודער איז פון אים אַ ביסל עלטער,
און אין די פּלייצעס איז ער עטוואָס ברייטער.
ער איז די שוין, און פון געפאַר פאַרשטעלט ער —
דער סאַמע ערשטער אינעם פייער גייט ער.
ער איז איצט ווייט, אינמיטן פון די שלאַכטן,
אַוודאי שוין פון ערשטן פלאַם פאַרסמאַליעט,
און אין דעם ווינט, וואָס שוועבט אין די פאַרנאַכטן —
שווימט אָן זיין שאָטן, ווי אַ ווייטע כוואַליע.
מאַקסים געדענקט, ווי ער האָט זיך געזעגנט,
ווי ער האָט זיך געפּרוּווט מיט עפּעס ווערן;
ווי ביז צום סוף געשטאַנען איז ער קעגן
דער מאַמעס איינגעבראָכנקייט און טרערן.
נו, יאָ, דאָס אַלץ איז נישט געווען גאָר פריילעך,
נישט זייער גערן וועגן דעם עס טראַכט זיך.
ער שעמט זיך פונקט אַזוי דאָס צו דערציילן,
ווי דאָס, אַז ער איז נאָך נישט אַלט קיין אַכצן.
נאָר חוץ דעם האָט ער נאָך אַ סוד אַ ליבן,
וואָס וויל גאָרנישט אַרויסגיין פון זיין זינען,
ער וואָלט דאָס אפשר אויף פּאַפּיר פאַרשריבן,
נאָר ס'איז אַ שאָד — ער קאָן זיך נישט פאַרגינען.

4

טאַביט איז אויכעט אין די זעלבע יאָרן,
און אויך אין זיינע אויגן לעבט דער נייגער,
פון זינט ער איז אַ חבר אים געוואָרן —
ער ליידט דערפון, וואָס יענער איז אַ שווייגער.
זיין רוסיש רעדן גייט אָפּ מיט קאַזאַכיש,
ער בויט די זאַצן קינדעריש־קאַפּויער,
נאָר זיינע אויגן שמעלצן זיך פאַר נחת,
ווען זיינע רייד דערגרייכן יענעמס אויער.

און ליב האָט ער אַליין זיך איינצוהערן
אין זיינע רייד און ווערט אליין באַצויבערט,
און צווישן זאַץ און זאַץ ער נעמט זיך שווערן,
ווי ס׳וואָלט אַליין אים שווער געווען זיך גלייבן...
א טבע האָט ער אַלע זיינע מעשיות
גראָד אָנצוהייבן פונעם סאַמע מיטן
און אומגעריכטערהייט זיי איבעררייסן,
ווען אַלץ איז שוין פאַרפּלאָנטערט און פאַרביטן.
זיין שפּראַך צעשטעלט ער אין דעם זעלבן סדר
פון זיינע שנעלע, קנוילקע רעיונות,
ווו שווער איז עפּעס־וואָס פאַנאַנדערשיידן,
ווו אַלץ פּאַסירט בלויז אויף צו מאַכן שטוינען.
און אומעטום איז ער אין סאַמע צענטער,
אין אַלע מעשיות איז ער דער גערעכטער,
און אַלע בייזע שטערונגען פאַרלענדט ער —
מיט כוח, מיט געוואַגטקייט און געלעכטער.
ווער צווייפלט דען, אַז ער האָט זיך געטראָגן
אַדורך דעם סטעפּ אין פערד אריינגעזאָטלט;
אַז ער האָט מיטן וואָלף זיך דאָרט געשלאָגן
און שפּעטער — אינעם זאַמד אים איינגעטראָטן?
ווער צווייפלט, אַז ער איז אַמאָל דערגאַנגען
מיט זיינע שפּסן ביז צו יענע ברעגן,
ווו ס׳זענען געלע שיפּענדיקע שלאַנגען
מיט בייכער צו דער זון ארויף געלעגן?
אוודאי האָט זיך דאָרט די וועלט געענדיקט,
דער הימל האָט דאָרט ביז דער ערד גענידערט,
און ער, סאַביט, געקערט האָט זיך, ווי שטענדיק,
מיט זיינע שאָף — אַ גליקלעכער, אַ מידער...
מאַקסים הערט אויס געדולדיק אלע וווּנדער
און היט זיך מיט אַ וואָרט אים קעגנשטעלן,
נאָר אין זיין הארץ לעבט אַלץ נאָך אָפּגעזונדערט
דער טרוים, וואָס קיין זאַך קאָן אים נישט פאַרשטעלן.

5

אזן שטענדיק, ווען ס׳דערהערט זיך די קאָמאַנדע
די לעצטע פאַרן ווזוואָד: „פאַנאַנדערגיין זיך!" —
איז ער דער לעצטער, וואָס גייט זיך פאַנאַנדער,
ער קערט צום טרוים זיך אום געלאַסן, אײנזאַם.
מאַקסים זוכט אויס זיך אַ פאַרלאָזן ווינקל,
וווּ קיינער קאָן אים אומגעריכט נישט שטערן
אין די מחשבות זיינע איינצווזינקען,
אין דעם געזאַנג פון בלוט זיך איינצוהערן.
ער שלעפּט ארויס פון בוזעם די פּאַפּירן
און זוכט מיט פלינקע פינגער אָפּ דאָס בילדל,
וואָס איז פון דעם באַקוקן און באַרירן
געוואָרן בלייכער און דערביי אויך מילדער...
דאָס ערשטע, וואָס עס שלאָגט אים אין די אויגן,
איז אַלץ נאָך אָט דער מיידל־האַלדז דער פרייער,
וואָס איז מיט אַזאַ צאַרטן ליכט פאַרצויגן
און שמעקט מיט שניי, און טראָגט פון זיך מיט פייער.
ער האָט נאָך צו דעם האַלדז נישט צוגערירט זיך —
דערפון האָט ער זיך קוים דערוועגט צו טראַכטן,
ווען ס׳האָט אַ כוואַליע בלוט, אַן אומגעריכטע,
אַ שפּאַר געטאָן — און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט אים...
ער קוקט זיך איין, אַז ער דערזעט דעם שאָטן,
וואָס פאַלט אַראָפּ פון אירע שמאָלע ברעמען,
ער האַלט מיט כוח איין דעם שנעלן אָטעם,
ווי זי זאָל זיין דערביי — ער נעמט זיך שעמען.
ס׳איז שווער אים אַלץ איר בליק נאָך אויסצוהאַלטן,
ווי אָט דעם מאָדנעם ווייטיק פון איר שמייכל.
ער וואָלט פון ביידן וועלן זיך באַהאַלטן,
און ווייל, אַז ביידע זאָלן אים דערגרייכן...
פונוואַנען נעמט זיך צו דעם שוואַרצן מיידל
אַזויפיל חכמה און אַזויפיל כוח
דעם אומעט פון דעם שמייכל נישט צו שיידן,
און די עקשנות אירע — פון דעם טרויער?
ער ווייסט, זי שטאַמט פון גאָר אַ ווייטער געגנט,
אַז זי איז ביי אַ אנדער פאָלק געבוירן.

און דאָך — ווען ער וואָלט זי דאָ נישט באַגעגנט —
וואָלט ער, גראָד ער, אויף אייביק זי פֿאַרלוירן...
נאָך גאָר נישט לאַנג איז זי אַהער געקומען
מיט אַ פֿאַבריק געלאָדן אין וואַגאָנען.
אין יענעם הייסן טאָג פֿון שפּעטן זומער
האָט ער דערזען איר אויסגעמאַזשעט פּנים.
ער האָט מיט זיין בריגאַדע אויסגעליידיקט
פֿון אַ וואַגאָן די דעמאָנטירטע צעכן,
און זי האָט באַלד פֿון אָנהייב אים באַליידיקט:
געהיט, אַז ער זאָל עפּעס נישט צעברעכן.
ער האָט געוואָלט הערלאַנגען איר אַן ענטפֿער
אַזאַ, אַז איר זאָל אָטעם גלייך פֿאַרפֿעלן,
נאָר מיט די אויגן האָט זי אים געפּענטעט,
געצוווּנגען אויסצופֿילן די באַפֿעלן.

6

אַלציינס וואָלט שווער געווען אין איר פֿאַרגעסן,
אַלציינס וואָלט ער איר קראַפֿט נישט ביי געשטאַנען,
און ווי ער זיצט אַצינד — וואָלט ער געזעסן
און אָנגעשטרענגט זיך יעדן פּרט דערמאָנען.
נאָר אין זיין זכּרון איז גראָד פֿאַראַן דאָ איינער,
וואָס איז אין אויסזען, ווי אַ ברודער, ענלעך
צו הער, וואָס איז לפֿנים נאָר אַ קליינער,
נאָר ווי די שיינע וועלט איז זי אומענדלעך.
ער איז פֿון אים מיט אַ יאָר צענדליק עלטער,
זיין טראָט איז אין דעם מאַרש אַ ביסל שווערער.
נאָר מיט זיין אויסדויער אים שטאַרק געפֿעלט ער,
און צו דעם זעלבן פֿאָלק, וואָס זי, געהער ער...
אויך אויף זיין פּנים רוט דער זעלבער שמייכל —
דער גוטער אָפּשיין פֿון אַן ערלעך לעבן,
וואָס וווּרצלט פֿון צוטרוי הארציקער און ווייכער
און הייבט זיך אָן מאַקסימען איבערגעבן.
און חיים פּרוּווט אַמאָל דעם בלאָנדן יינגל
דערציילן וועגן יענע ווילדע שרעקן,

וואָס האָבן איצט די וועלט ארומגערינגלט
און ווילן ביזן גרונט זיין פֿאָלק פֿארמעקן.
פֿון אָנהייב האָט מאַקסים דאָס שווער באַנומען,
און אפֿשר אויך געטראַכט: „צי איז דאָס ריכטיק?
צי קאָן א פֿאָלק באַשערט זיין אומצוקומען?
צי איז אַ פֿאָלק דען מעגלעך צו פֿארניכטן?"...
און חיים? צי גלייבט ער אליין נישט איצטער,
אַז מיט דער ביקס, וואָס רוסלאַנד וועט אים טרויען —
נישט בלויז דאָס אייגן לעבן זיינס באַשיצט ער?
אַז גאָר זיין פֿאָלק געשטעלט ווערט צום נסיון?

7

און יעדן טאָג מען פירט אויף ווייטע מאַרשן,
געלאָדן מיט דעם גאנצן שווערן וואָפֿן,
און ווען מען הייסט אים לויפֿן, קלאַפּט דאָס האַרץ אים,
ווי ער וואָלט צו דער היימשטאָט שוין געלאָפֿן.
זיין פֿולק איז דעמלט איינגעטיילט אינצווייען —
אַ העלפֿט פֿון אים פֿארשטעלט איז פֿאַר א שונא,
און ער אליין געפֿינט זיך אין די רייען
פֿון די, וואָס האַרפֿן זייער בלוט נישט שוינען.
דערווייל האלט חיים הורוויץ נאָך אין איבן,
נאָר ווען אין הימל פֿלאַמט אויף די ראַקעטע,
גייט אויפֿן פֿעלד אַ שטורעם־ווינט אריבער
און ס'שווינדלט אונטער זיינע טריט דער שטח;
דער אָטעם גליט, און ס'שלאָגן ווילד די שלייפֿן,
און פֿון זיין פּנים שפּאַרט, ווי ליכט, די בלייכקייט,
און אומגעריכט זיין כוח ווערט געכפּלט —
און אלץ — כדי דעם שונא צו דערגרייכן.
ער ווייסט, דאָס אלץ איז ערשט דער וועג צום עיקר,
אַז די געפֿאַר איז ערגעץ נאָך פֿון פֿאָרנט,
און דאָך — איז ער פֿון אָנגריף שוין פֿארשיכורט,
און דאָך איז ער באַהערשט שוין פֿונעם צאָרן.
ער ווייסט, אַז מיט דער זעלביקער באַוועגונג,
ער ווייסט, אַז מיט דעם זעלבן דראַנג און פֿיבער

װעט ער אין פֿײַער גײן דעם פֿײַנט אנטקעגן
און איבער אלע שטרױכלונגען אריבער.
ער לױפֿט פֿאָרױס, ער דארף דאָרט קומען שנעלער,
ער מוז דאָך צו דער צײַט אַהין באַװײַזן,
ער װעט נאָך אפֿשר עמעצן פֿארשטעלן
פֿון שרעק און אומקום — מיט זײַן בלוט און אײַזן.
נאָר ס'איז מאקסים מיט צען יאָר פֿון אים יינגער
און אױך סאביט — ער פּרוּװט אים איבעריאָגן —
און ס'איז מיט בײדן זײ אים לױפֿן גרינגער,
װי ס'װאָלט דער זעלבער װינט זײ דאָ געטראָגן,
װי ס'װאָלט מיט זײ די זעלבע שטראָף געגאנגען,
די זעלבע קראפֿט, װאָס קײנער קאָן נישט צױמען
און מוז צום װאָרצל פֿון דעם שלעכטס דערלאנגען —
אױף אױסצורײַסן און אױף אָפּצורױמען...

8

מיט יעדן טאָג װערט חײמען אלץ לײַכטער,
דאָ װערט ער װי באַפֿרײַט פֿון זײַן זכרון;
מיט אַלעמען אין װוּװאָד איז ער אַ גלײַכער,
און מיט די יונגע — װי אין אײנע יאָרן.
מען װױנט צוזאמען אין אַ שול-געבײדע,
נישט ער איז אָבער איצטער דאָ דער לערער:
מיט זײַנע שילער האָט ער זיך צעשײדט נאָך
אין גרענעץ-שטעטל, אין אַ נאכט אַ שװערער...
איצט זיצט ער אױף דער שול-באנק, װי אַ שילער,
און לערנט זיך די חכמה פֿון מלחמה,
און אים װײַזט אױס: אין קלאַס װערט צװײ מאָל שטילער,
װען ס'רופֿט אמאָל דער לעקטאָר אױס זײַן נאָמען.
ער הײבט זיך אױף, דערנענטערט זיך צום טאָפֿל
און װײַזט, װי טײל צו טײל עס דארף געהערן,
און ס'װערט אַ ביקס אין זײַנע הענט געשאַפֿן
אױף צילן אינעם שונא און צעשטערן.
װאָס איז? די ביקס איז נאָך נישט אָנגעלאָדן?
דער שונא איז נאָך ערגעץ װײַט פֿונדאנען?

די קויל איז דאָ, נאָר זי דאַרף זיין אַ שאָד אים —
דער שונא איז דאָך ערגעץ־ווו פאַראַנען!
ער גרייפט נאָך אָן, ער שפּאַרט נאָך אַלץ אויף מאָסקווע,
ער שטרעקט צו לענינגראַד אויס זיינע נעגל;
און דורך די דערפער האַרבסטיקע, פאַרלאָזטע —
די „אָפּאָלטשעניע" גייט אַוועק אין רעגן.
עס דויערן איצט לענגער די פאַרנאַכטן,
די נעכט און די געפאַרן זענען לאַנגע,
און ס׳גרייט זיך שוין פאַנפילאָוו מיט זיין „אַכטער"
אַרויסצוגיין אין העלדישן געראַנגל.
די רעפלעקטאָרן היטן אָפּ די רוימען,
די הייזער רוקן זיך צונויף נאָך ענגער
פון שונאס אַנגעדראַנג זיך אָפּצוצוימען,
און ס׳שטייט דער קרעמל פעסטער נאָך און שטרענגער!
דאָרט לעבט דאָס האַרץ פון זיכערן נצחון,
דאָרט ווערט פאַרפּלאַנט דער וועג צוריק — ביז פּרייסן.
און — דאָרט איז היטלערס דייטשלאַנד שוין צעבראָכן,
און — דאָרט איז אַ באַפרייטע שוין די ווייסל!

9

און אים האָט דאָך פון סאַמע פריסטער יוגנט
געצויגן צו דער ליכטיקער מדינה,
און אַלע איילנדיקע מזרח־צוגן
ער פלעגט באַגלייטן מיט אַ שטילער קנאה.
אויף יענעם אָרט, וווּ פּוילן איז געענדיקט,
און וווּ ס׳האָט איר געוואָלט שוין נישט געוועלטיקט,
דאָרט איז די גרענעץ נישט נאָר צווישן לענדער —
דאָרט שפּרייט זיך אויס אַ גרענעץ צווישן וועלטן.
אויף יענער זייט, אויף יענע פרייע שטחים,
דאָרט איז די רויטע פאָן שוין נישט פאַרבאָטן.
זי פלאַטערט אַ באַפרייטע אין נצחון
און ווערט פון יעדן ווינט אַריינגעאָטעמט.
און איצטער, אין דער שרעקלעכער מהומה,
וואָס האָט אים פון זיין היים אַרויסגעטריבן,

איז אים באַשערט צוריק אַהינצוקומען,
דורך אָט דער ערד, וואָס איז נאָך פֿרײַ געבליבן.
און נישט אַליין איז ער אין דעם צוריקגאַנג —
אים טראָגט אַהין דער אויפֿברויז, ווי אַ כוואַליע,
ווי ס'וואָלט אַ זעקסטל פֿון דער ערד געשיקט אים,
ווי ס'וואָלט אַהין געשיקט אים חבר סטאַלין.

10

ער ווערט נישט מיד צו חזרן די לידער
און די חברים פֿון זײַן וווּוואָד — צו הערן.
אים דאַכט זיך אויס, אַז ער איז איצטער ווידער
צוריק אין שול און אויפֿדאָסניי אַ לערער.
ווען ער הייבט אָן, ווערט אַלץ אַרום אים שטילער
און מיטאַמאָל דאָס ליד עס זינגען אַלע,
אים האַלטן אונטער זײַנע פֿערציק שילער:
— „ווען ס'וועט אין שלאַכט אונדז שיקן חבר סטאַלין!"

וואָס פֿאַר אַ כּוח שלאָגט פֿון אָט דעם ניגון
און צווינגט דאָס בלוט פֿון האַרצן אויפֿצושטײַגן!
און דעמלט, ווען דאָס בלוט איז אויפֿגעשטיגן —
עס צווינגט דעם ווײַ אין האַרצן צו פֿאַרשווײַגן?
ער שפּירט, ער וואַרט — אָט באַלד וועט אים פֿאַרגיסן
דער אויפֿברויז פֿון אַ שטורעמדיקער כוואַליע.
וואָס וועט אין דעם געזאַנג זיך באַלד אַ ריס טאָן —
„ווען ס'וועט אין שלאַכט אונדז שיקן חבר סטאַלין!"

ער האָט שוין אָפּגעלעבט אַ העלפֿט פֿון לעבן,
דורך ווײַפֿל שווערקייטן דורכגעגאַנגען.
דאָס אַלץ כּדאַי געווען איז אָפּצוגעבן
פֿאַר איינעם פֿון די מוטיקע געזאַנגען,
ווו יעדעס איינע וואָרט איז דורכגעדרונגען
מיט טרײַשאַפֿט, ווי מיט זומערדיקע שטראַלן,
און ווערט דורך הונדערט פֿעלקער אויסגעזונגען:
— „ווען ס'וועט אין שלאַכט אונדז שיקן חבר סטאַלין!"

קאָן זיין, פאַר אים איז יעדער קלאַנג נאָך צאַרטער,
אויף גאָר דער ערד ער הערט דאָס ליד זיך שפּרייטן.
ער ווייסט, אַז לענדער פון אייראָפּע וואַרטן
אויף דעם געזאַנג — פאַרקאָוועטע אין קייטן;
קאָן זיין, אַז ער אליין נאָך וועט אין וואַרשע
די פרייהייט אירע דורך דעם ליד צעשאַלן,
ווען ער וועט גרייכן נאָך די שווערע מאַרשן:
— „ווען ס'וועט אין שלאַכט אונדז שיקן חבר סטאַלין!“

אויב עמעץ וועט נאָך בלייבן אויף די חורבות —
און עמעץ וועט דאָך בלייבן דאָרט אוודאי —
זאָל ער דערזען, ווי ס'גייט דער לערער הורוויץ
אַדורך די גאַסן אין אַ דעפילאַדע!
און וואַרשע וועט אַרויסגיין פון די פלאַמען
און דורך דער מאַרשאַלקאָווסקע זיך צעפּראַלן,
און ווי אַ טרייסט דערהערן וועט די מאַמע:
— „ווען ס'וועט אין שלאַכט אונדז שיקן חבר סטאַלין!“

קאַפּיטל נײַן

1

דערמאָנט ער זיך וואַרשע,
דערמאָנט ער זיך פּוילן —
דערמאָנט ער אין האַרצן
אַ וווּנד — נישט צו היילן.

דערמאָנט ער די קינדהייט,
דערמאָנט ער זיך פֿרילינג —
ווי ביידע זיך בינדן
אַזוי ווי אַ צווילינג.

געדענקסטו דאָס געסל,
דאָס הויז און דעם נומער?
— אויב איך וועל פֿאַרגעסן —
מײַן צונג זאָל פֿאַרשטומען!

אַ הויף ווי אַ פּירעק,
אין ווינקל — אַ פֿענצטער —
די טונקעלע דירה —
זײַן פּאַלאַץ דער שענסטער.

די מאַמע איז דאָרטן
געווען נאָך אַ יונגע,
ווי זון אין אַ גאָרטן —
געשיינט און געזונגען.

דורך טונקעלע שאָטנס
מיט ליכטיקער בלייכקייט,
מיט וואַרעמען אָטעם
זי פלעגט צו אים גרייכן.

2

אַריבער דער ענגשאַפט,
דער מויער אַריבער —
פאַרשפּרייט האָט די בענקשאַפט
א הימל מיט ליבע.

דער פינצטערער רבי
אַנטקעגן איר שוואַך איז,
זי שפּילט, ווי דאָס לעבן,
מיט אים אין להכעיס.

זי קרימט אָפּ די ווערטער,
זיין יעדער העוויה,
און ס'וואַקסט פאַר געלעכטער
דאָס יינגעלע חיים.

דער רבי ווערט האַרבער,
דער רבי ווערט בייזער:
„ויאמר, וידבר —
און גאָט האָט געהייסן".

די פרייד איז געדולדיק,
דער רבי מעג שרייען,
און וואָס איז דאָ שולדיק
דאָס יינגעלע חיים?

אַז אָט דאָ דערנעבן,
ווי נאָענטע שכנים,
מיט אים זיצט דאָס לעבן
אויף איין באַנק, איינגיגענם.

זיין שכן — א יינגל,
מיט טונקעלע אויגן,
אויף שרויפן — אַ צינגל,
מיט קולכל צעצויגן,

דערציילט, אז אין גאָרטן
איז איצט אַ מחיה.
ווען ער איז איצט דאָרטן,
ווען דאָרטן איז חיים...

זיי וואָלטן די ערד דאָרט
צעמישט מיט די רוימען
און דאָרט נישט געהערט מער
דעם רבינס „ויאמר“.

3

דערמאָנט ער זיך וואַרשע,
דערמאָנט ער זיך פּוילן —
דערמאָנט ער אין האַרצן
א וווּנד — נישט צו היילן.

דערמאָנט ער זיך זומער,
דערמאָנט ער זיין יוגנט,
וואָס האָט מיט קיין רו מער
זיך שוין נישט באַגנוגנט.

די ליבע די שיינע
אין האַרצן נעמט וואַקסן;
דער גלויבן דער ריינער —
געליטערט אין שלאַקסן.

ער האָט דען געזען דאָן,
וואָס אַרום אים טוט זיך?
אַז אַלץ איז געשען דאָרט
אינמיטן און פּלוצעם.

אינמיטן שפּאַצירן
דורך ליכט און דורך טומל,
האָט עמעץ באַרירט אים,
ביים אָרעם גענומען.

א דראָבנינקער פּיבער
איז דורך אין די בלוטן,
אין הארצן אריבער:
זאָל זיין נאָר צום גוטן!

4

אַ הימל מיט שטערן
אַוועק איז אין שפּליטערס
און שטיל, קוים צו הערן —
די ערד האָט געציטערט.

ווי זי וואָלט א גרינגע
אַזאַ זיך געוויגן
און אויף די שפּיץ פינגער
צו אים זיך געצויגן.

צי איז דאָס געווען חען
נישט מער ווי א מיידל,
און אין דער פּארבלענדונג
נישט מער ווי זיי ביידע?

דער בלוט-לויף באַהאַלט זיך,
אַ שטילקייט אין אויער,
און זיי שטייען אַלץ נאָך
פאַרהילטע אין בלויען.

„די נאַכט גייט אריבער —
נעם צו מיך פונדאנען
און פיר מיך, מיין ליבער,
וווּ דו ביסט פאַראַנען,

אויף קיינמאָל זיך שיידן,
ווי לופט און ווי לעבן".
„מיין ליבע, מיין מיידל,
כ'בין גרייט דיר צו געבן

דאָס בלוי פונעם הימל,
דאָס גאָלד פון די שטערן,
אַבי כ'זאָל דיין שטימע
נישט אויפהערן הערן.

כ'בין גרייט דיך צו פירן
אויף ענדלאָזע וועגן —
און דיך נישט פארלירן,
פון דיר נישט אוועקגיין.

די מענטשן פארשליסן
די הייזער און שלאָפן,
ווען זיי זאָלן וויסן,
ווי אלץ איז איצט אָפן,

און ליגט אָן א גרענעץ
אינגאנצן אומענדלעך —
זיי וואָלטן געווען איצט,
ווי מיר דאָ, פארבלענדט דאָך".

5

דערמאָנט ער זיך וואַרשע,
דערמאָנט ער זיך פוילן —
דערמאָנט ער אין הארצן
א וווּנד — נישט צו היילן.

די בלוטיקע בלעטער,
די גאָלדענע עפּל,
דער ענדלאָזער שטח
אין זילבערנעם נעפּל.

„געדענקסטו די פֿארבן
פֿון שׂרפֿה פֿארנומען?"
„א רגע צום שטאַרבן
זיי וועלן דיר קומען!"

דורך אויגן פֿארמאַכטע
ער וועט זיי דערזען נאָך.
די רויטע פֿארנאַכטן —
דאָס הארבסטיקע ברענען.

נאָר אים איז נאָך נייטיק,
געווען איז אים ווייניק:
מיט פֿאָן מיט דער רויטער
האָט ער דאָס פֿאַראייניקט!

ווי גוט איז דער אויסזען
פֿון רויטס אויף דעם גרויען:
די פֿאָן אויפֿן דרויסן
פֿון הארבסטיקן טרויער!

6

די מאַמע ווערט גרויער,
און מער נאָך געבויגן,
נאָר איין זאַך נאָך דויערט —
דער פֿלאַם פֿון די אויגן.

איר אַלט ווערן גייט שוין
מיט שנעלע סימנים,
און ס'בלייבט אונטער קנייטשן
די גוטסקייט פֿון פּנים.

די צערטלעכע ווייכקייט
אין קול איז נישטאָ שוין,
איר ליכטיקער שמייכל
איז מיד און פֿאַרלאָשן.

וואָס איז דאָ געוואָרן
און וואָס איז געשען דאָ?
צי האָבן בלויז יאָרן
אַזוי זי פאַרענדערט?

זיין פרייד ווערט פאַרזונקען,
ס'האָט פיין זי פאַרטראָטן,
און ס'וואַקסט אין די ווינקלען
פון צימער דער שאָטן.

אים הייבט זיך אָן דאַכטן,
ער הייבט אָן צו גלייבן,
אַז בלויז הער פאַרנאַכט דאָ
אין שטוב וועט זיין אייביק.

7

דערמאָנט ער זיך וואַרשע,
דערמאָנט ער זיך פוילן —
דערמאָנט ער אין האַרצן
אַ ווונד — נישט צו היילן.

געווען איז אַ ווינטער
מיט פראָסטיקער האַרבקייט,
מיט שנייאיקע ווינטן
און זוניקע פאַרבן.

„געדענקסטו די ווייסקייט?
פון ווינטער דעם חיות?
די שויבן פאַראייזטע,
דעם טוי אויף די וויעס?"

אין שטוב איז אַ קרירה,
אין שטוב איז אָן ענגשאַפט,
נישטאָ ווו צעפירן
די הענט און די בענקשאַפט.

צו שטחים צו ווייסע
די פֿענצטער ער עפֿנט.
דורך טירן ער רייסט זיך —
צוריק נישט צו טרעפֿן.

נאָר דרויסן ביים טויער
וואַרט עמעץ פֿאַרטייעט
און לאַקערט און לויערט
אויף אים און זיין פֿרייהייט.

8

און ווען ער קוקט ווידער
זיך אום אויף אַהינטער,
דערהערט ער די לידער
פֿון ליכטיקן ווינטער.

ער איז מיט געפֿאַר דאָרט
געגאַנגען געאָרעמט,
און ס׳האָבן געוואַרעמט
די פֿרייד און דער צאָרן.

עס האָבן די שנייען
אין ראָד זיך געוויקלט,
זיי זענען אינצווייען
געגאַנגען ווי שיכור.

זיי זענען אינצווייען
געגאַנגען, געקוויקט זיך,
פֿאַרשלייערט אין שנייען —
די בריק האָט געוויגט זיך.

ס׳האָט אונטער די פֿיס זיי
דאָס אייז זיך געטראָגן,
מיט רעש זיך געריסן,
מיט שטראָם זיך געשלאָגן.

זיי זענען דאָרט ביידע
געגאַנגען פאַרקלאַמערט,
געשפּירט, ווי די פרייד האָט
געוויגט זיי צוזאַמען.

ווי ס׳וואָלט זיך גישט איילן
די ווייסל פון אונטן —
ווי ס׳וואָלטן די זיילן
גערירט פון די גרונטן,

און זיי מיט דער בריק דאָ
געטראָגן אויף ווינטן,
צוזאַמען פאַרוויגטע
פון ליכטיקן ווינטער.

קאַפּיטל צען

1

און ענדלעך איז געקומען דער באַפעל
זיך אָפּצורייסן פון דעם שטילן באָדן,
און אומגעריכט פאַר זיך אַליין און שנעל
דער פּולק האָט אין וואַגאָנען זיך געלאָדן.
פאַר אַט דעם קורצן רעגנדיקן האַרבסט
האָט חיימס ווייכע הויט זיך אָפּגעריבן,
זיין פּנים איז איצט אָפּגעברענט און האַרב,
און זיינע הענט — פאַרהאַרטעוועט פון איבן.
ער איז געהילט אין גרויען שוץ־קאָליר,
כּדי דעם שונאס קוילן אָפּצונאַרן,
ער האַרף אין רויטאַרמייאישן מונדיר
פאַרבייגיין אויפן ראַנד פון די געפאַרן.
צי קאָן אים איצטער קומען אין געדאַנק,
אַז אים אין וועג דער טויט זאָל איבעריאָגן;
אַז איבעררייסן זאָל זיך דאָס געזאַנג,
וואָס ער דאַרף צום באַשטימטן אָרט דערטראָגן?
ער ווייסט, אַז אויב דעם שונאס אַ סנאַריאַד —
וועט איבערברעכן אים זיין רעכטן אָרעם,
וועט ער פאַרבייטן אים, ווי אַ סאָלדאַט,
מיט בלוט, וואָס שפּאַרט פון האַרצן און פון צאָרן.
נאָר אויב עס זאָל אַ קלאַפּ טאָן אים אין קאָפּ,
און אויב ער זאָל דאַרט בלייבן ערגעץ ליגן
מיט מויל און בליק פון ערד און בלוט פאַרשטאָפּט —

דאָס קאָן נישט זיין, אָ, דאָס וועט זיין אַ ליגן!
דער טויט קומט דעמלט, ווען דער מענטש איז שוואַך,
בלויז דעמלט, ווען עס רייסט זיך אָפּ זיין ווילן.
און ער? — זיין יעדער טראָפּן בלוט איז וואַך
אויף נישט פאַרגעסן און אויף נישט צו שטילן. — — — —
און ער פאַרנעמט זיין אָרט אין דעם וואָגאָן,
די ביקס ציט ער אַראָפּ פון זיינע אַקסלען,
און ענדלעך הייבט דער לעצטער וועג זיך אָן:
עס רירט דער צוג, עס וויגן זיך די אַקסן.

2

דאָס טירל פון וואָגאָן איז אויפגערוקט,
און ס'שמייסט אַריין אַ שפּיצעדיקער רעגן.
נאָר חיים שטייט פאַרגליווערט און ער קוקט,
ווי ס'לויפט דער ווייטער סטעפּ אים אָן אַנטקעגן:
ער שווינדלט און ער דרייט זיך אין אַ ראָד
פון אייגענער אומענדלעכקייט פאַרכישופט,
כאָטש אין דער ווייטקייט ליגן רעלסן גראָד
און פירן פון אַ ישוב צו אַ ישוב.
אויף געלע אינדזלען פאַשען זיך די שאָף
אין זייער מעלה-גרהן, ווי פאַרגעסן,
פאַרצויגן אין טומאַן פון רו און שלאָף,
אין רעגן פון די האַרבסטיקע מעת-לעתן.
זיי בלייבן רואיק, און בלויז דער טשאַבאַן,
אין פעלץ פאַרקוטעט ביז די שמאָלע אויגן,
שטייט אַלץ פאַרחידושט און קוקט נאָך דער באַן,
וואָס איז פאַרביי דאָ, ווי אַ פרעמדער פויגל.
און גראָד ביי חיימען האָט זיך דערוועקט
די בענקשאַפט, ווי אַ קלעמענדיקער ווייטיק,
פאַר אָט דעם צוג, וואָס לויפט אַצינד אַוועק
פון יענעם מענטש, פאַרלוירן אין די ברייטן.
ווו איז ער, ווו? ווו איז אַצינד סאַביט?
פאַרוואָס האָט ער פאַרקנוילט זיך אינעם דרימל?
שטיי אויף און זינג דאָס גאַנדיקע ליד

פון שאָף און שלום און פון בלויען הימל!
אַזאַ ווי דו שטייסט איצטער אינעם סטעפּ,
אַזאַ ווי דו, נאָר ייִנגער אין די יאָרן,
מיט אומרו הערסט זיך איין אין ווייטע קלעפּ
און ווייסט נישט, אַז דו ביסט פֿאַרבייגעפֿאָרן.
איצט הוידעט זיך דיין יונגער שוואַרצער קאָפּ,
און צו דיין ביקס פֿאַלט צו דיין ברוינער שטערן,
דו לאָזט אין שלאָף זיך ערגעץ טיף אַראָפּ,
ווי דו וואָלסט װעלן עפּעס ווייטס דערהערן.
סאַביט, סאַביט! מען פֿירט דיך איצט אין לאַנד
פון מאָך און פון דער ליכטיקער בעריאָזע.
דו וועסט מיט מיר פֿאַרנעמען זאַלבעצאַנד
די הײם, וואָס כ'האָב אַמאָל אַליין פֿאַרלאָזן!

3

דאָס זעלבע ליד, וואָס פּאַסט זיך צו דעם טראָט,
פּאַסט אויך זיך גוט צום ריטעם פון די רעדער,
און חיים הורוויץ פֿירט אַריין זיין וואָגאָן
אין ווייטן לאַנד פון אָפּגעברענטע סעדער.
מיט יעדן אָטעם שפּירט ער שוין די לופט
פון רויך און פון פֿאַרשרפּעטע געבייען,
און ער דערהערט פון דאָרט אַ שטים, וואָס רופֿט:
— ביעלאָרוסיאַ ראָדנאַיאַ,
אוקראַינאַ זאָלאָטאַיאַ...

ס'איז נישט געבליבן שוין קיין פרייע צייט,
און ווייניק איז געבליבן פרייער שטח.
די ווייטע הײם איז איצטער דריי מאָל ווייט,
ווייל דאָרט דעם שונאס שטיוול איצטער טרעטן.
עס רעדן שוין די דייטשן אין אָריאָל
אויף זייער שפּראַך פון שרעק און זידלערייען,
נאָר עמעץ ברומט מיט אַ פֿאַרשטשעמעט קול:
— ביעלאָרוסיאַ ראָדנאַיאַ,
אוקראַינאַ זאָלאָטאַיאַ...

אין מאָסקווע פאַלט שוין אַ געדיכטער שניי —
דער הימל הענגט אַ שטרענגער און אַ גרויער,
נישט ווייט פון דאָרט, מאַסקירט אין דעם זאַווי,
מיט שוועבל גייט די קאָמיוגיסטקע זאָיע;
נישט ווייט פון דאָרט אַ ייִדישער פּאָעט
פאַרשרייבט מיט בלוט אויף שניי דאָס ליד פון טרייהייט,
די וויעס פאַלן צו, און ער דערזעט:
— ביעלאַרוסיאַ ראָדנאַיאַ,
אוקראַינאַ זאַלאַטאַיאַ...

און דאָ, דער צוג, מיט שנעלקייט פונעם ווינט,
רייסט זיך אַריין אין מערבֿדיקע ווייטן.
ער דאַרף אין פראָנט זיך שטעלן און געשווינד
אַ פּולק, וואָס גייט אין בלוט דאָרט אָפּ, פאַרבייטן;
אים איז באַשערט צו הערן דעם באַפעל
דעם אָנהייב ערד פון שונא צו באַפרייען;
אַז הינטער מאָסקווע זאָל דערשיינען העל:
— ביעלאַרוסיאַ ראָדנאַיאַ,
אוקראַינאַ זאַלאַטאַיאַ...

4

אַוועק איז אַ מעת-לעת נאָך אַ מעת-לעת —
דער אויסזען פון דער ערד האָט זיך געענדערט,
דער צוג איז ווי אַ ליכטיקער עקספּרעס,
אַרויס פון סטעפּ צו וואַלד-באַזוימטע לענדער.
די לאַנדשאַפט האָט געביטן שנעל די פאַרב,
באַזעסענער געוואָרן איז דער שטח,
די לופט האָט אָנגעהויבן שמעקן האַרב
מיט ערשטן שניי און ווינטערדיקן וועטער.
פון ערגעץ איז דערגאַנגען מיט דעם רויך
דער שאַרפער ריח פון געברענטער קאָרע,
וואָס האָט אויפסניי אויף חיימען געהויכט
מיט ביטערניש פון זיינע ווייטע יאָרן.
ער האָט געאָטעמט מיט דעם גאַנצן גוף,

ביזוואַנען עס האָט זיך פֿאַרדרייט אין קאָפּ אים;
ער האָט געאָטעמט מיט דער פּייכטער לופט
ביים איבערגאַנג פֿון אַזיע צו אייראָפּע.
ער האָט געפּרייט זיך דאָ מיט יעדן קוסט,
וואָס איז אין שנעלקייט אים פֿאַרבייגעפֿלויגן,
און אויפֿגענומען האָט ער, ווי אַ גרוס,
דעם שווערן פֿליגל־פּאַך פֿון ווינטער־פֿויגל,
וואָס איז דעם צוג אַריבער אין דער ברייט,
מיט זיין געשריי אויף שווייגנדיקע רוימען:
דאָס איז געווען דער אויסברוך פֿון זיין פֿרייד,
וואָס קיינער האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרצוימען!
ער האָט פֿון טיר אַרויסגעשטרעקט די הענט,
ווי ער וואָלט צו אַ בוים געוואָלט דערלאַנגען.
ער ווייסט, אַז ווען דער בוים וואָלט נאָר געקענט
פֿון אָרט זיך רירן, וואָלט ער מיטגעגאַנגען
מיט אים צו יענעם מערבֿדיקן לאַנד,
וווּ אַלע ביימער שטייען איצט און גליען
אום ווינטער, ווי פֿאַרטראָגענע אין בראַנד,
און שיטן פֿון זיך פֿונקען אָפּ ווי בליונג.
ער וואָלט אַוועקגעשטעלט זיך מיט זיין שטאָם
און זיך געווערט און — אויב מען וואָלט באַדאַרפֿן —
וואָלט ער, אַן איינגעטונקענער אין פֿלאַם,
זיך אויף דעם שונאס טאַנק אַרויפֿגעוואָרפֿן.

5

סאַביט איז שטיל, ער קוקט נאָך אַלץ און שטוינט,
ווי אומגעריכט די ערד האָט זיך געביטן.
זיין אויג איז צו אייראָפּע נישט געוווינט —
פֿון קאַזאַכסטאַן איז ער הײַנט טאָג דעם דריטן.
דער הימל איז פֿאַרשאָטן ווי מיט אַש,
די שווערע גרויקייט לייגט זיך אויפֿן האַרצן.
און פֿון דער ערד עס גייט אויף אים אַ רעש,
וואָס האָט אויף זיינע אַקסלען אָנגעשפּאַרט זיך.
אים איז נישט אומבאַקאַנט די גרויע פֿאַרב,

און ער געדענקט פון סטעפ דעם ווינטער־נעפל,
נאָר דערמאָן איז ער דאָך נישט אַזוי האַרב —
ער שמעקט אין סטעפ מיט אַלמאַ־אַטער עפל;
און נישט אויף לאַנג די זון דאָרט בלייבט פאַרשטעלט:
זי רייסט זיך דורך די וואָלקנס מיט גבורה,
דערפאַר מסתמא קוקט ער אויף דער וועלט
מיט שמאָלע אויגן, ווי פון ליכט פאַרזשמורעט.
און דאָ האָט מיט זיין גאַנצן שווער געוויכט
אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד אַ שאָטן;
עס הענגען דאָ די וואָלקנס שיכט אויף שיכט
און פרעסן ענג צונויף אין ברוסט דעם אָטעם...
און אפשר דאַכט זיך אים אַליין דאָס בלויז,
און הינטער דעם ליגט גאָר זיין אַנגסט פאַרבאָרגן?
ער רייסט אַ פּירעק פון דער צייטונג אויס
און וויקלט איין די היימישע מאַכאָרקע.
— דו זאָג מיר, חיים, ביסט דאָך פון דעם קאַנט —
צי איז דער הימל שטענדיק דאָ אַ גרויער,
ווי פאַר דעם אויג געשטאַנען וואָלט אַ וואַנט,
ווי ס'וואָלט דעם גוף אַרומגעצוימט אַ מויער?
— וואַרט צו, סאַביט, אַ ביסעלע געדולד!
צערינען וועט די פרעמדקייט, וואָס פאַרשטעלט דיר
מיין קאַנט, וואָס איז מיט ליכטיקייט פאַרפולט
און שמעקט מיט סמאָלע פון די סאָסנע־וועלדער.
וועסט פריער גיין אין שנייען ביז די קני,
וועסט פריער גיין אין פייער ביזן גאַרטל, —
און דו וועסט זיך אויף דעם פאַנאַנדערבלי
פון שענסטן פרילינג אויף דער ערד דערוואַרטן!

6

מאַקסים הערט אויס דעם זעלטענעם געשפּרעך
און מורמלט, ווי פון עפּעס נישט צופרידן.
און כאָטש ער ווייסט, אַז חיים איז גערעכט,
וואָלט ער אים גערן איצטער אויסגעזידלט.
דער עשאַלאָן, וואָס פירט צום מערב־פראָנט

און הערט נישט אויף דורך טאָג און נאַכט צו ברומען,
פירט צו אַ ברענענדיקן האָריזאָנט
און נישט אויף האַטשע אין אַ הייסן זומער.
ביי אים אין בוזעם רייבט זיך אָפּ דאָס בילד
פון יענעם מיידל, און ער פאָרט אַלץ ווייטער.
זי ווערט פון אַלע נעפּלען איינגעהילט,
און ער — ער ווערט אַלץ נעענטער צום שייטער.
געוויס, ער מוז צום סאַמע ראַנד דערגיין
און דורכן שייטער מיט זיין ביקס אַריבער,
און דאָך איז שווער אים חימען פאַרשטיין —
ביי אים איז אויך דאָך עמעץ דאָ געבליבן,
פאַרוואָס זשע גליט די פרייד ביי אים אין בליק,
ווי ער וואָלט איצט געפאָרן אויף אַ יום־טוב,
ווי ער וואָלט איצט געפאָרן אויף צוריק,
און יעדעס שטיבל וואָלט זיין היים דערמאָנט אים?
ווען ער, מאַקסים, וואָלט אויפן קול געטראַכט,
און ווען דאָס זאָל צו חיימען דערגרייכן,
געוויס וואָלט חיים ביטער זיך צעלאַכט:
— ביסט יונג, מאַקסים, און יונג איז נאָך דיין שכל,
אָט דאָרט, פונוואַנען דו ביסט איצט אַוועק,
האָב איך דאָס טייערסטע פון זיך געלאָזן:
אַ פרוי, וואָס קוקט מיט האָפענונג און שרעק
אויף מיינע טריט, וואָס ס'האָט דער ווינט פאַרבלאָזן.
נאָר אויף דער ערד ווי לאַנג זי איז און ברייט,
אין יעדן ווינקל האָט מיין בלוט אַ חלק,
אויף יעדן אָרט איז מיין געביין צעזייט,
דערפאַר איז די מלחמה אַזוי הייליק!
און דו אַליין, ווען ס'זאָל אַזוינס געשען:
ווען ערגעץ־ווו אויף אָפּגעמעקטע וועגן
דו וואָלסט דיין ברודער אומגעריכט דערזען,
ווי ער איז אַ דערשאָסענער געלעגן,
וואָס וואָלסטו דעמלט שטאַרקער דען געפילט,
און וואָס וואָלט שווערער אין דיין האַרץ געוויגן:
צי יענעם מיידלס צאַרט און ליכטיק בילד,
צי דער, וואָס שטייט מיט בלוט אין דיינע אויגן?

7

וועז ער, מאַקסים, וואָלט אויפֿן קול געטראַכט,
וואָלט חיים אַלץ דערקלערט אים מיט אַ דרך,
נאָר סיווי זאָגט אים אונטער אַ פֿאַרדאַכט,
אַז ער וואָלט אים פֿאַרשטאַנען נאָר אַן ערך.
ער ווייסט, מאַקסים, אַז אויף דער גאָרער ערד
ווי מיילן־שטיינער ליגן חיימס קבֿרים.
און אַז מען האָט צוויי מאָל זיין היים צעשטערט —
וואָס האָט געקאָנט אים בלייבן חוץ דעם צאָרן?
ער ווייסט, מאַקסים, אַז חיימס קינד איז ווייט,
נאָר אַז די מאַמע זיינע איז נאָך ווייטער.
און חיים קוקט אויף אים אַ לאַנגע צייט,
ביז די געדאַנקען זייערע זיך בייטן.
און חיים זעט: אַלץ קערט זיך אום צוריק
און הייבט זיך אָן באַוועגן, ווי אין פֿלאַמען —
יאָ, אַלץ, דאָס אַלץ: דער ווייטיק און דאָס גליק
איז אין איין טראָפּן בלוט צונויפֿגעזאַמלט.
דאָס אַלץ, וואָס האָט געטראָפֿן גאָר אַמאָל,
דאָס אַלץ, וואָס איז געבליבן אים פֿון הינטן,
איצט רעדט פֿון אים מיט אַן אַנטשלאָסן קול
און לויפֿט פֿאָרויס — מיט אַלע פֿרייע ווינטן.
צי איז דען טראָגן אַזאַ משא שווער?
צי פּרוּווט דען עמעצער פֿון זיי פֿאַרהאַלטן?
פֿאַרקערט, זיי העלפֿן האַלטן דאָס געווער
אין יענער רגע, ווען דער שלאָף באַפֿאַלט אים...
און דעמלט קומט פֿון קאַזאַכסטאַן די פֿרוי
און לייגט איר לייכטע האַנט אים אויפֿן אַקסל.
פֿון וואַרשע קומט די מאַמע דעמלט גרוי:
— מיין שיינער זון, ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן!
אין דעם מונדיר וואָלט איך דיך נישט דערקענט,
איך וואָלט צו דיר אַהער דאָ נישט געטראָפֿן,
נאָר דייטשן האָבן אונדזער הויז פֿאַרברענט,
און ס׳איז דער וועג צו דיר געבליבן אָפֿן.

8

ער איז אַצינד ערשט אויפן האַלבן וועג
פון היים צו היים, ער איז אַצינד אינמיטן.
וווּהין איז נאָענט און וווּהין איז ווייט?
נישט ער האָט אַזאַ וועג זיך אויסגעקליבן:
ער גייט מיט שפּורן פון זײַן בלוט, וואָס שרייט,
און בלויז דער איינער וועג איז אים געבליבן;
דאָס איז דער זעלבער וועג, וואָס פירט צום קינד,
דאָס איז דער וועג, וואָס פירט אים צו דער מאַמען,
ער גייט אין שפּור פון פייערדיקן ווינט,
און בלויז דער איינער וועג איז נאָך פאַראַנען;
דאָס איז דער זעלבער וועג, וואָס פירט אין קריג,
דאָס איז דער וועג, וואָס פירט אַהיים פון פייער.
ער גייט צום לאַנד, וווּ ס'איז געווען זײַן וויג,
דערפאַר איז אָט דער וועג אים אַזוי טייער!

9

דאָס איז דער המשך פונעם שווערן וועג,
מיט וועלכן ער איז אויף דער ערד געגאַנגען,
מיט אָטעם, אַ פאַרכאַפּטן פון געיעג,
און אונטער פאָנען־פלאַטער און געזאַנגען.
ער איז אַרויף אויף אים מיט יונגן טראָט
אַמאָל אויף דעמאָנסטראַציעס אויף אַכאָטע,
אין דעם אַספאַלט דעם הייסן פון דער שטאָט
אויף שטענדיק זײַנע שפּורן איינגעטראָטן.
גענומען האָט ער אַלץ מיט זיך: די פרייד,
די יוגנט און דאָס פייער פון דער ליבע.
אים האָט דער „אינטערנאַציאָנאַל" באַגלייט
אויף אָט דעם וועג, וואָס איז אים איצט געבליבן.
נאָר דעמלט איז ער מיט אַ הוילער האַנט
געגאַנגען קעגן אויסגעקרימטן פּרצוף
פון שפּיצעל און פון בלויען פּאָליציאַנט,
וואָס האָט אַ ברוינינג צוגעשטעלט צום האַרץ אים;

ער האָט אַרויסגעקלאַפּט אים דאָס געווער
און מיט די שטיינער פונעם ברוק פאַרשטייניקט;
ער האָט אָדורכגעריסן דעם באַריער —
ער האָט זיך ווידער מיט דער שטאָט פאַראייניקט.
צי איז ער אין דעם קאַמף געווען אַליין?
ניין, אים אַרום געוואָרט זיך האָבן טויזנט,
און יעדער איינער איז געווען שיין
אין דעם געראַנגל מיט די הוילע פויסטן.
נאָר איצטער האָט זיין טראָט אַן אַנדער קלאַנג,
און דראָענדיקער איז דער ווינט, וואָס פּלאַטערט.
עס רייסט זיך דורך די פרייהייט אויף אַ טאַנק
צום לאַנד, וואָס ברענט אין די מיידאַנעקער קראַטערס,
און צו זיין היים, וואָס איז פאַרצוימט מיט דראָט,
און צו זיין מאַמען אין דעם טיפוס־געטאָ.
ער גייט צוריק אַהין צו יענער שטאָט,
און זיין פאַרנעם נעמט ער פון רוסלאַנדס שטח,
זיין ביקס איז פון אוראַלער שטאָל געשמידט,
די קוילן זענען פון סיבירער שוועבל.
מיט הונדערט פעלקער גייט ער איצטער מיט
דעם וועג, וואָס פירט צו שלום און צו לעבן.

10

דער עשאַלאָן האָט זעלטן זיך געשטעלט —
ער איז פאַרביי מיט פליענדיקע פונקען
און הינטער זיך דעם וועג מיט רויך פאַרשטעלט,
אַז אויף די סטאַנציעס פלעגט דאָן ווערן טונקל.
דער וואַלד האָט אַלץ געדרייט זיך אינעם קרייז,
און אויבנאויף האָט גאַרנישט זיך געענדערט.
אויף טייכלעך האָט פאַרצויגן זיך דאָס אייז,
דער שניי איז ווייס און שטיל געווען ווי שטענדיק.
אויף פלויטן האָט געטריקנט זיך דאָס גרעט,
פון כאַטעס האָט דער רויך געשפּאַרט, ווי אָטעם,
און ס'האָט דער וואָיענדיקער ווינט גערעדט
פון אַלטע מעשיות וועגן ווינטער־פּחדים.

נאָר דער, וואָס האָט זיך בעסער איינגעקוקט,
האָט אויך דערזען די קלייניקע געשטאַלטן,
וואָס זענען נעבן לויפנדיקן צוג
געבליבן אין דער ווייסקייט אויסבאַהאַלטן.
דאָ האָט זיך אָנגעהויבן שוין די ערד,
וואָס האָט געדאַרפט זיין טאָפּלט אַ באַוואַכטע;
פונדאַנען האָט זי אָנגעשטרענגט געהערט
דעם אָפּגעטעמפטן רויש פון ווייטע שלאַכטן.
פאַרבייגעלאָפן זענען קאַנט נאָך קאַנט,
און אָט איז זי — אָט איז די מאָסקווער געגנט.
אַריבער איז דער צוג דעם לעצטן ראַנד —
די ערשטע שרפות האָבן אים באַגעגנט.
אין פלאַמען האָבן טרוקענע געקנאַקט
די גרינע דאַטשע-הייזער פון „קאַזאַנקע",
און שילער האָבן סאָסנעס אויסגעהאַקט
אויף אויסצולייגן קעגן שונאס טאַנקען.

קאַפּיטל עלף

1

אויך אין דער ווייטער שטאָט פון קאַזאַכסטאַן
געקלונגען האָט דאָס נייע, דרייסטע ליד.
און ס'איז אַוועק פאַרטיידיקן דאָס לאַנד
דאָס אייניקל פון סטעפּישן דזשיגיט.

דער זאַפּט, וואָס אייביקייט אין זיך באַהאַלט
און גייט, ווי פון די וואָרצלען, דורך דעם שטאָם —
ער האָט זי אויסגעכאָוועט — די געשטאַלט
פון דעם קאַזאַך, וואָס גייט אַריין אין פלאַם.

ווי ווייט איז פון דעם סטעפּישן אַאול
צו יענער צפון־שטאָט אין דעם טומאַן?
נאָר ס'האָט געזונגען דער אַקין דזשאַמבול
דאָס ליד פון לענינגראַד — אין קאַזאַכסטאַן.

ס'איז אונדזער ערד געבליבן נישט צעטיילט:
געוואָרן האָט זיך ווייסרוסלאַנדס פּאַרטיזאַן,
און זיינע וווּנדן האָט ער אויסגעהיילט
אין אַלאַ־טאַו־בערג פון קאַזאַכסטאַן.

געיאָגט זיך האָבן קיילעכיקע טעג,
ווי ס'וואָלטן זיך די צייטן אויסגעמישט.
און מיד געוואָרענע אין דעם געיעג,
אין נייער אַרבעט האָבן זיך דערפרישט.

און אויף איר אָרט אין איינער אַ פֿאַבריק
פֿון יענער שטאָט געזעסן איז א פֿרוי,
און אין דער אָנגעשטרענגטקייט פֿון איר בליק
געשווומען איז איר מידקייט ווי דער טוי.

און דאָרט, אין דרויסן, אין דער גרויסער נאַכט
האָט אומגעשפּאַנט א ייד — אַן אַלטער מאַן:
דער אַלטער שלמה האָט געהאַלטן וואַך,
געהיטן די פֿאַבריק אין קאַזאַכסטאַן.

2

פֿון אַלע פֿענצטער שפּאַרט אַרויס דאָס ליכט,
און דאָס גערויש זעצט אָפּ זיך ווי געזאַנג.
און דעמלט וואַקסט ביי אים אויס אומגעריכט
אין רעיון אַ פֿאַרגעסענער געדאַנק.

די יוגנט זיינע איז שוין לאַנג אַוועק,
נאָר נישט אַדורך איז אַלץ נאָך דער פּאַרדראָס,
פֿאַר זיין צעשטערטער פֿרייד און פֿאַר דער שרעק
פֿון לערן-יינגל ביי דעם באַלעבאָס.

אינמיטן זומער האָט מען אים געבראַכט-
אין א וואַרשטאַטל אויף דער פּאַוויעגאַס,
אויף לערנען זיך דאָס שניידערישע פֿאַך,
אויף לערנען זיך די ליבשאַפֿט און דעם האַס.

ער פֿלעגט דער ערשטער קומען אינדערפֿרי,
ווען די מאַשין איז נאָך געשטאַנען שטיל;
דער ערשטער זיך גענומען צו דער מי —
צום קערן און צום שייערן דעם דיל.

פֿונוואַנען איז געווען אַזויפֿיל שטויב
אין יענעם קליינעם טונקעלן קוואַדראַט?
ער איז פֿון שטויב געוואָרן בלינד און טויב,
ביז טרערן זיך געוואָרגן אין וואַרשטאַט.

ער האָט דעם קויל צעבלאָזן אינעם פּרעם —
געהערט דאָס זידלען זיך פון באַלעבאָס,
און זיך געלאָזן מוסרן פון געסט —
פאַרשוויגן אַלץ און גוט געוווסט פאַרוואָס.

נאָר ווען עס האָט געזונגען אַ געזעל
און ווען עס האָט די ניי־מאַשין געזשומט,
פלעגט מיטאַמאָל אין שטוב דאָן ווערן העל
און אַלץ עס פלעגט זיך ענדערן אַרום.

ער איז אַדורך דורך קלעמעניש און פּיין,
מיט בליאַנקענדיקער נאָדל אין דער האַנט:
נאָך לאַנגע יאָרן איז ער דאָך אַריין
אין אויסגעטרוימטן שניידערישן שטאַנד.

ס'האָט אָנגעהויבן פּאָלגן אים די שער,
געשיקטע פון די פינגער אויף דעם שניט.
די ניי־מאַשין איז גלייך מיט זיין געהער
מיט שטעפּ געגאַנגען גראָד און אָפּגעהיט.

און דאָך איז ער געבליבן, ווי פאַרשפּאַרט
אין ענגשאַפט פון דעם שניידערישן צעך.
ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי פאַרנאַרט
אין קרייז פון די געדיכטע נאָדל־שטעך.

פאַר יעדן ביסן האָט ער גאָט געלויבט,
נאָך יעדן ביסן האָט ער גאָט געדאַנקט.
מיט תפילה־טאָן האָט ער די פּיין פאַרטויבט,
מיט תהילים — איינגעשלעפערט דעם געדאַנק.

די בילדער, וואָס ער האָט געזען אין שלאָף, —
זיי האָבן אים באַגלייט אויך אויף דער וואָך.
זיי האָבן מיט גיהנום־רייד געשטראָפט
און איינגעוויגט מיט אַ גן־עדן־שפּראַך.

ער האָט פון אַלע עוולות זיך פאַרשטעלט
דערמיט, וואָס ער האָט אַלעמען געשענקט.

ער האָט געמיינט, אַז אין זיין קליינער וועלט
וועט מיט זיין שטילקייט אים נישט זיין צו ענג.

נאָר ווען עס איז געקומען דער פאַשיסט
און פאַר זיין פאָלק געטראָגן שאַנד און טויט —
פאַרשטאַנען האָט ער דעמלט, אַז אומזיסט
ער האָט זיך בלויז דער גוטסקייט אָנפאַרטרויט.

ער האָט דערזען די פייניקער פון סדום,
ער האָט דערקענט די גוואַלטיקער פון שכם,
ער האָט דערזען ווי ס'גייט אויף פונעם תהום
דער היטלערישער פינצטערער עמבלעם.

3

ווען נישט דער דראָבנער ציטער אין די הענט,
ווען ס'וואָלט די ראיה ווי אַמאָל געדינט,
וואָלט ער אַליין מסתמא נאָך געקענט
מיט שער-און-נאָדל אַרבעטן אַצינד.

ער וואָלט געזעסן אין די לאַנגע נעכט,
ווי רחל, אַ פאַרגאַסענער מיט ליכט.
ער וואָלט מיט איר געזעסן אין איין צעך,
ער וואָלט געאַרבעט אין דער זעלבער שיכט.

און איצטער פירט ער זיינע מידע טריט
אין אָפּגעצוימטן שטח פון פאַבריק.
ער איז אַ וועכטער נאָר, און ער פאַרהיט
די אַרבעט פון זיין טאָכטער און איר גליק.

זיין איידעם איז חדשים שוין אַוועק,
עס קומען אָן שוין זיינע קורצע בריוו,
און ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען אין וועג —
איז אומרואיק און אייליק דאָרט די שריפט.

1930 — 7

דעם אַדרעס פירט ער אומעטום מיט זיך,
עס בייט זיך נישט דער נומער פון דער פּאָסט,
דער אינהאַלט איז דער זעלבער און אויף גיך
געשריבן מיט אַ פיבער־שפּראַך און פּראָסט.

ער גיט צו וויסן וועגן זיין געזונט,
וואָס ער האָט גאַנץ ארויסגעפירט פון שלאַכט;
אַז אויף זיין לייב איז נאָך נישטאָ קיין וווּנד,
און פון דעם טויט — חער מינדעסטער פאַרדאַכט.

דער בריוו בלייבט אָפן נאָך אין חלום האַנט,
און זי קוקט ערגעץ אין אַ ווייט פאַרטראַכט...
וואָס זעט זי דאָרט? צי יענץ פאַרחרובט לאַנד,
וווּ חיים רייסט אַריין זיך נאָך דער שלאַכט?

און אפשר גאָר דערזעט זי זיך צוריק
מיט אים צוזאַמען אין באַפרייטן לאַנד,
וווּ ס'איז געפּרוווט געווען דאָס ערשטע גליק,
וווּ זי האָט זיך אַמאָל מיט אים באַקאַנט?

4

זי גייט אַרום דאָך אויף דער זעלבער ערד,
און פאָרט איז עפּעס אַנדערש ווי אַמאָל,
ווי זי וואָלט זיך דעם פייער אָנגעקערט,
ווי זי וואָלט דורכגעמישט געווען מיט שטאָל.

נישטאָ די פרישקייט שוין פון יונגן גראָז,
וואָס פלעגט אין גרינס פאַרוואַנדלען יעדן זאַפט.
אומענדלעך איז די ערד דאָ אין איר מאָס,
איר שפּע ליגט דאָ אין איר שטרענגער קראַפט.

די קעמלען גייען דאָ אין קאַראַוואַן,
אַרום דעם סאַקסאַול עס זינגט דער ווינט,
נאָר האַרט דערנעבן יאָגט אַדורך אַ באַן,
וואָס פירט צונויף די ווייטן און פאַרבינדט.

אויף יעדן אָרט די ערד מוז ווערן ליב,
כאָטש אומעטום זי רעדט אַן אַנדער שפּראַך —
עס איילט אַדורך דער ליכטיקער טורקסיב
און שניידט פאַנאַנדער אין דער העלפט די נאַכט.

עס ענטפערן סירענעס אין די שטעט
און וועקן אויף די מענטשן צו דער מי:
פאַר אַרבעט איז דאָרט קיינמאָל נישט צו שפּעט,
פאַר אַרבעט איז דאָרט קיינמאָל נישט צו פרי.

פאַרשווייגן טאָר נישט ווערן דאָס געוויש —
דאָ ווערט געשמידט דאָס וואָפן פונעם לאַנד,
דאָ האָט אַ בלייכע פרוי דעם מאַן פאַרטוישט
און טוט זיין אַרבעט מיט איר קליינער האַנט.

זי גייט אַוועק פון שטוב, ווען ס'איז נאָך נאַכט,
ווען ס'איז שוין נאַכט, זי קערט זיך דעמלט אום.
דער גאַנצער טאָג ווערט אין פאַבריק געבראַכט,
און ס'נעמט די אַרבעט וואַרעם איר אַרום.

און דאָך — צי איז איר לעבן איצטער גרוי?
צי ווערט איר פרייד דערוואָרגן אין די ווענט?
דו האָב דעם מוט און פרעג זיך ביי דער פרוי,
וואָס איז אין בענקשאַפט צו דער ווייט געווענדט!

5

דאָס לעבן, וואָס איז איצטער אַזוי שטרענג
און טראָגט מיט זיך אַזויפיל מי און פּיין —
פאַרוואָס איז מיט דעם לעבן איר נישט ענג?
פאַרוואָס שלאָגט פון דעם לעבן אַזאַ שיין?

צי איז דער הימל איצטער דורכגעזאַפּט
מיט וויטער רויטאַרמייאישער מוזיק?
צי האָט זי דאָ, אין קאַזאַכסטאַן, פאַרכאַפּט
דער פייערדיקער אָטעם פון דעם קריג?

צי זינגט אַזוי אַ זעלנערישער כאָר
אויף די מאַנעווורעס ערגעץ הינטער שטאָט?
צי איז איר ליד — דאָס ליד פון גאַנצן דור,
וואָס גייט צו ארבעט און צו שלאַכט — אין טראָט?

ווער ס׳איז אַמאָל געגאַנגען יענעם וועג,
וואָס רחלען האָט געפירט אין דער פאַבריק,
דער וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס אין יענע טעג
מיט אונדז איז מיטגעגאַנגען שוין חער זיג.

די דייטשן האָבן זיך געריסן בייז,
דער שונא האָט אויף מאָסקווע זיך פאַרקוקט,
נאָר ס׳האָבן פעלקער אין דער גאַנצער גרייס
אַוועקגעשטעלט זיך און געזאָגט: גענוג!

קאַפּיטל צוועלף

1

די בריזן פון דער פעלד־פּאַסט, געשריבן מיט בלייער,
זיי וועלן פאַרבלייבן אַ שריפטלעכער צייכן
פון העלדישן וועג דורך דעם אומקום און פייער,
דורך וועלכן אַ פאָלק גייט דאָס לעבן דערגרייכן.
צעהוידעט און קרום איז דאָרט יעטוועדע שורה,
די ווערטער — צעוואָרפן, באַזונדער זיי שוועבן,
נאָר ס׳זוייט מיט אַ גאַנצקייט פון זיי און מיט גבורה,
און ס׳אָטעמט פון זיי מיט דעם ריח פון לעבן.
די טעג און די נעכט מישן אויס זיך אין וואָכן,
און הערפּער און שטעט מישן אויס זיך אין פייער,
און איבער די ציימן און איבער די שטחים —
הייבט אויף זיך דער מענטש מיט זיין ביקס — דער באַפרייער.
פון מאָסקווע איז לאַנג שוין דער שונא געלאָפן,
עס וואַרטן אויף אים שוין די ראָבן פון וויאַזמע,
נאָר ס׳לויפן פון הינטן אים נאָך אַלע שטראָפן,
וואָס זענען אין משפט מיט יושר געחתמעט.
אין הערפּער באַפרייטע — דער רוסישער ווינטער
קערט אום זיך צוריק מיט אַן אַלטיטשקן פייער,
נאָר ס׳וואָיען פון ווייטיק די פּראָסטיקע ווינטן
אין איינעם אַ דאָרף אויפן קבר פון זאָיע...
דעם האָס דאַרף מען מער מיט קיין ווערטער נישט טייטשן,
און מער איז קיין שפּראַך פאַר דעם צאָרן נישט נייטיק.
אַן אויפשריפט: „דאָ זענען געווען די דייטשן!“ —

נאָך זיי איז געבליבן אַ שטילקייט א טויטע...
און דאָ, אין מוזיי פון „יאסנאיא פּאָליאנא",
ווו ס'האָבן די דייטשישע אָגערס געכראָפּעט,
האָט ווידער דער רוסישער שלאַכטמאַן פאַרשטאַנען,
אַז ער וועט פאַריאָגן דעם פיינט פון איראָפּע.

2

עס זענען פון לאנג שוין צעגאַנגען די שנייען,
אַדורך איז דער ווינט, ווי אַ וואַרעמער אָטעם,
און וויהער שוין ווארטן אָפּ ביידע ארמייען —
ווער וועט איצט אנטקעגן דער צווייטער א טראָט טאָן?
זיי ליגן נאָך ביידע אין גרונטן פאַרגראָבן,
און קוקן אריבער דעם ראַנד פון די גריבער,
און הערן זיך איין, ווי עס שרייען די ראָבן —
ווער וועט איצט דער ערשטער אין אָנגריף אַריבער?
די וואַסערן פליסן אַריין אין די טייכן,
די זון פאַרעט אוים פון די פעלדער די פייכטקייט,
דאָס גראָז הייבט שוין אָן צו פאַרשטעלן, פאַרגלייכן,
די ערד הייבט זיך אויף פון די נעפּלען א לייכטע.
דער פרילינג פרווט אוים ערשט און שטעלט אָן די טענער.
עס גייען די דערפער אַרויס, ווי פון חלום,
און רופן זיך איבער — עס קרייען די הענער.
איז גאַרנישט געשען דאָ? און אפשר איז שלום?
און אפשר האָט זיך די מלחמה געענדיקט,
און מער וועט דער אומקום דעם וועג נישט פאַרצוימען,
און אַלץ איז צוריק ווי אַמאָל און ווי שטענדיק?
נאָר ניין, די מלחמה גייט אָן אין די רוימען!
דאָרט טרעפן צונויף זיך די פיינטלעכע כוחות,
זיי קרייצן זיך איבער פון אויבן, פון אונטן,
און איינער דעם צווייטן פאַרוויקלט אין רויכן
און וואַרפט ווי אַ פלאַם צו דער ערד אים ארונטער.
דער פרילינג איז ווידער פאַרשוויגן געוואָרן,
עס ענטפערט די ערד אָפּ מיט שוידער און ציטער
אויף יעטוועדן קלאַפּ פון דעם הימל דעם קלאָרן —

דאָס איז נישט דער דונער פון פרילינג־געוויטער!
די זון האָט זיך בלויז אין די רויכן באַהאַלטן,
עס שרייען די עופות אין דאָרפישע שטיבער,
עס רייסן זיך איבער די קינדער־געוואַלטן —
דער שונא גייט ווידער אין אָנגריף אריבער!
ער וויל איצט דערגרייכן צו מאָסקווע פון דרום,
ער וויל איצט אין טאַנקען אַריבער די וואָלגע,
ער רייסט זיך פאָרויס איבער אייגענע פגרים
און טרינקט זיך אין בלוט פון די אייגענע פולקן.
דעם וועג אויף צוריק האָט ער לאַנג שוין פאַרלוירן —
פארלייגט האָט ער אים מיט צעבראָכענעם וואָפן.
ער לויפט שוין אַנטקעגן דעם אייגענעם גורל —
ס'איז גרייט סטאַלינגראַד אויף באַשטראָפן!

3

ווי שווער איז צו שיצן דאָס דאָרפישע שטיבל —
פון שונא, וואָס וויל עס מיט פייער דערלאַנגען,
און דאָך, ווי דאָס וואָלט אין און איינציק געבליבן —
דאָס שטיבל שטייט איצטער אינמיטן געראַנגל.
פונדאַנען איז מער שוין נישטאָ קיין צוריקקער,
פונדאַנען קוק מער שוין נישט אום זיך אויף הינטן —
די ערד ליגט פאָרויס איצט אין בלוטיקע שטיקער,
עס אָטעמען דאָרטן מיט פייער די ווינטן.
קיין טראָט אויף צוריק מער! פון הינטן איז מאָסקווע,
דאָס ברויט פון סיביר, די אוראַלער זאַוואָדן —
דאָרט האָט זיך די מי מיט מלחמה פאַרמאָסטן,
און נייטיק איז איר יעדער מעטער פון באָדן.
דו טראָגסט אויף די שטיוול דעם שטויב פון די פעלדער
פון רוסלאַנדס אומענדלעכע, בלענדיקע ווייטן;
עס שמעקט דיין שינעל מיט דעם ריח פון וועלדער —
אזוי וועסטו בלייבן אויף אייביקע צייטן!...
דו רייסט פון בלאָקנאָט אוים בלויז איינאיינציק בלעטל
און שרייבסט דאָרט געציילטע און אייליקע ווערטער,
נאָר יעדעס פון זיי, ווי א שפּאַן פונעם שטח,

וואָס דו האָסט פאַרהיט — עס איז דיינס און געהערט דיר.
דו וועסט דאָס פּאַפּירל פאַרוויקלען אין דרייעק,
אויף אים וועסטו שרייבן פון פעלד־פּאָסט דעם נומער,
דערנאָך וועסטו וויטער אוועקגיין אין פייער
אין סוף פון דעם הייסן פאַרסמאַליעטן זומער.
און ערגעץ אַ פרוי וועט דאָס בריוול דערהאַלטן,
און וועט מיט די צאַרטע און ליכטיקע פינגער
באַלייכטן די שורות, זיי וועלן צעשטראַלטע
דאָרט בלייבן, און דיר וועט דיין וועג ווערן גרינגער.
און אויב דו וועסט קומען צוריק, וועסטו טרעפן
נישט בלויז יענע בענקשאַפט, וואָס איז אומגעהייער —
ס׳וועט ווידער אין בריוו דיינע ווערן געעפנט
דער וועג, וואָס דו ביסט אים אַדורך דורכן פייער.

4

ווען רחל פלעגט שפּאַנען צוריק פון דער אַרבעט,
האָט אַלץ נאָך געזשומעט דאָס בלוט אין די גלידער,
האָט אַלץ נאָך געהודיעט ביי איר אינעם שאַרבן
דער רויש פונעם צעך און די פרויאישע לידער.
איר וועג פון פאַבריק צום פאַרוואָרפענעם געסל
איז דעמלט שוין גאָר נישט געווען אַזאַ לאַנגער:
זי האָט נישט באַמערקט און זי האָט אים פאַרגעסן —
זי איז אויף אַן אַנדערער ערד גאָר געגאַנגען.
אַז חיים זאָל איר פונעם אויג נישט פאַרשווינדן —
האָט זי זיך אין האַרצן געגעבן אַ נדר,
אַז נאָכגיין זאָל זי אים אַ גרינגע, אַ לינדע,
אַז נאָכגיין זי זאָל אים אין רעיון כסדר.
אָט שטעלט זי זיך פאָר די פאַרפלאָנטערטע וועגן.
אָט זעט זי זיין גאַנג מיט די פינקטלעכסטע פרטים.
זי וויקלט זיך צוזאַמען מיט אים אינעם רעגן
און לייגט זיך צוזאַמען מיט אים אין דער בלאָטע.
און בלויז פאַר איינאיינציקער זאַך האָט זי מורא:
זי זאָל אים, חלילה, פון אויג נישט פאַרלירן,
און אויב זי וועט האָבן פון אויג אים פאַרלוירן —

זי זאָל אים דורך קנוילִיקע רויכן דערשפּירן.
זי גלייבט, אַז כּל־זמן ס׳איז פֿאַראַן די פֿאַרבינדונג —
מעג זיין כאַטש אין דמיון — וועט זי אים פֿאַרהיטן
פֿון אומקום, ער וועט נישט פֿאַרשווינדן,
ער וועט איר, חלילה, נישט ווערן פֿאַרביטן.
און ווען עס געשעט, אַז אַ בריוול פֿאַרהאַלט זיך
און ס׳ציִען זיך גרויע און ליידיקע וואָכן,
דערשפּירט זי די ערד אונטער זיך, ווי זי שפּאַלט זיך —
איר וועג צו דעם מאַן ווערט אויף שטיקער צעבראָכן.
און דעמלט קומט זי פֿון דער אַרבעט אַ מידע,
אַ מידע פֿון זוכן פֿאַרלוירענע שפּורן,
און דעמלט הייבט זי אָן צו לייענען ווידער
פֿון בריוו פֿון דעם לעצטן די אונטערשטע שורה.
ווו האָט זי אַנומלט אים איבערגעלאָזן?
ווו האָט זי מיט אים זיך צום לעצטן פֿאַרהאַלטן? — — — —
די ערד איז צעמישט מיט די וואָרצלען פֿון גראָזן,
אַ וואַרעמע פֿייכטקייט גייט אויף פֿון די שפּאַלטן
און דרינגט דורך מיט פֿרישקייט דעם האַסטיקן אָטעם,
און גיסט מיט איר זאַפֿט דעם פֿאַרמאַטערטן גוף אָן,
און ער הייבט זיך אויף אַזוי לייכט, ווי אַ שאָטן,
וואָס ווערט פֿון אומענדלעכע שרפֿות געטראָפֿן...

5

און אָט לויפֿט ער ווידער אַריבער אַ שטראָיכלונג,
און אָט גייט ער ווידער אַרויס פֿון פֿאַרצוימונג.
ער וויקלט זיך אויס פֿון די פֿלאַמען און רויכן
און גרייכט צו די ווייטע און ליכטיקע רוימען.
ווהין טראָגט דאָס איצטער אַ וועק אים דער אימפּעט,
צו וועלכע מקומות אים טרייבט דער געוויטער?
אין רעש פֿון געווער, אין מלחמה־געקלימפּער
ער הערט נאָך דעם שטילן און פֿאַרכטיקן ציטער
פֿון האַרץ, וואָס וויברירט אַלץ אין זעלביקן ניגון,
וואָס וועט, ווי די קינדהייט, נישט ווערן פֿאַרגעסן,
אַזוי ווי דער סקריפּ פֿון די הילצערנע שטיגן,

אַזוי ווי די מאַמע אין טונקעלן געסל.
ער איז שוין אַוועק אין דער גרויסער פאַרפאָלגונג —
אויף שוואַרצערד פון דאָן, אויף קאַזאַקישע סטעפּעס.
ער האָט שוין געטריבן דעם דייטש פון דער וואָלגע,
ער איז שוין אַריבער אויף יענער זייט דניעפּער.
זיין הויט איז צעראַצט, דער שינעל איז פאַרסמאַליעט,
מיט שטויב פון די ווינטן זיין אויג איז פאַרטראָגן,
נאָר אים טרייבט עס אַלץ נאָך אַזוי ווי אַ כוואַליע,
אַ מעכטיקע קראַפט הערט נישט אויף אים צו יאָגן.
וווהין איז זיין בליק דורך דער ווייטקייט געווענדעט?
און ווו וועט זיין אָטעם שוין ווערן באַרואיקט?
פאַראַן נאָך דאָס אָרט איבער טייכן און לענדער,
ווו דאָרט וועט זיין חלום שוין ווערן מקוים?
וועט ער דאָס באַווייזן? וועט ער דאָס דערהגרייכן?
צי וועט זיין באַגער דאָרטן ווערן באַוויליקט?
צי וועט ער נאָך טרעפן ביים לעבן אַ צייכן
פון ליבשאַפט, וואָס איז נאָך פון פלאַם נישט פאַרטיליקט?
ער ווייסט, אַז ער דאַרף זיך איצט איילן, וואָס גיכער
דאַרף ווערן זיין טראָט, זיין באַוועגונג — נאָך פלינקער.
ער דאַרף איצט פאַרלויפן דעם וועג דער רציחה,
ער דאַרף איצט פאַרלעשן דעם פלאַם פון טרעבלינקע.
קאָן זיין, אַז דורך אַרישע גאַסן פון וואַרשע
ווערט איצט גראָד געטריבן אַ פּאַרטיע פון געטאָ;
קאָן זיין, אַז זי ווערט שוין, ביי דייטשישע מאַרשן
און גיפטיק געלעכטער, צעהאַקט און צעשמעטערט.
קאָן זיין, צווישן זיי לויפט אויך איצט שוין זיין מאַמע
מיט אויגן אין שרעק, פון געשריי אַ געהעצטע;
קאָן זיין, אַז זי שטיקט זיך מיט זיי אינעם קאַמער
און וואַרט נאָך אויף אים — ווי אַ רעטונג אַ לעצטע.

— — — — — — — — — — —

ער לויפט פון טראַנשייען אַריבער די דראָטן
און ווערט יעדע ווילע באַלויכטן פון פייער,
און ביסלעכווייז טוט ער זיך אויס פונעם שאָטן.
— ווי שרעקלעך דו איילסט איצט אַוועק פון מיר, חיים!
ס'איז נאָענט די גרענעץ, אָט איז שוין דער ניעמאַן.

פאַראַנען נאָך ערד פון די דייטשן פאַרנומען,
ס'איז דאָ נאָך סאָוויעטישע ערד אָפּצונעמען,
ביז וואַנען ער וועט צו דער פוילישער קומען.
ס'איז נאָענט די גרענעץ, נאָר גרוים איז דער שטח,
וואָס איז נאָך געבליבן פונדאַנען ביז וואַרשע.
ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט, ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט —
זיי וועלן אַוודאי שוין זיך נישט דערוואַרטן.
עס ווערט שוין דאָס געטאָ פון טאַנקען צעטראָטן,
זיי ווערן באַגראָבן אין אייגענע הייזער,
דער רויך הילט זיי איין ווי אַ ריזיקער שאָטן —
ער וועט נישט באַווייזן, ער וועט נישט באַווייזן...
וואַרט צו — וואָס האָט דאָרט אויפן דאַך זיך צעפּאָכעט?
צי איז דאָס די פאָן? אָדער איז דאָס א פייער,
וואָס האָט זיך אויפסניי פונעם רויך אויסגעבראָכן?
— ווי שרעקלעך דו איילסט איצט אַוועק פון מיר, חיים!

קאַפּיטל דרייצן

1

דורך רויך און שטויב און חברשאַפֿט געטרייער —
געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינדרייען.

און אויב אין וועג האָט לייכט א וווּנד צעטיילט זיי,
זיי האָבן באַלד צוזאַמען אויסגעהיילט זי,

און וויהער זיך אַוועקגעשטעלט אין פֿייער —
געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינדרייען.

דורך פֿלאַם און רויך און אומגעריכטע פֿריידן,
נאָר ס'האָט דער טויט פֿאַרטראַכט זיי צו צעשיידן.

געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינדרייען:
סאַביט, מאַקסים און ער — דער לערער חיים.

די זעלביע לידער האָבן זיי געזונגען,
און מיט הענט זעלבן ברויט געשטילט דעם הונגער.

זיי זענען שוין אַדורכגעגאַנגען לענדער,
אָט-אָט און ס'וועט דער וועג שוין זיין פֿאַרענדיקט.

זיי דאַרפֿן בלויז אַריבער נאָך די ווייסל,
פֿון דאָרטן פֿירט דער וועג אַוועק אויף פּרייסן.

אויף דאָרטן דאַרפֿן זיי די ערד באַפֿרייען —
געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינהרייען.

און כאָטש סאָביט האָט אַלץ נאָך נישט פֿאַרלוירן
די בענקשאַפֿט צום אַמאָל פֿון זיין געבוירן,

און כאָטש מאַקסים האָט אַלץ נאָך נישט פֿאַרגעסן
אַ שוואַרצן קאַפֿע און ליכטיקע מעת-לעתן,

ווען ס׳פֿלעגט דער אוונט פֿאַר זיי טרוים נישט סטייען —
געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינדרייען.

און חיים האָט פֿאַר צווייען דאָך געליטן:
פֿון חיים צו היים איז ער געווען אינמיטן.

אינמיטן וועג פֿון קאַזאַכסטאַן ביז פּוילן,
מיט ווייטיק און מיט פֿרייד אין האַרץ פֿאַרהוילן,

מיט בילד פֿון פֿולער פֿרייהייט אינעם רעיון —
געגאַנגען זענען זיי ביז איצט אינדרייען.

נאָר דאָ, ביים ראַנד פֿון וועלדער די געדיכטע,
האָט אָפּגעוואַרט דער טויט — און אומגעריכטער.

2

אין וועג פֿון סלאָנים ביז דער גרענעץ —
דאָרט איז דער ראַנד פֿון פֿראָנט געווען איצט.

דער פֿיינט, אויף שטיקער שוין צעשמעטערט,
האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ שטעטל,

אַרומגערינגלט פֿונעם פֿייער
און פֿון אַ יחידואַד חברים טרייע.

די דייטשן האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט
און פֿון דער שול געמאַכט אַ פֿעסטונג.

און דורך די פענצטער. דאָרט געלויערט,
און דורך פאַרהאַקטע טיר־און־טויער.

די אַרטילערישע געוווישן —
אַוועק זיי זענען ווייט פאָרויס שוין.

און פאַר דעם שטעטעלע אין בלאָטע
געבליבן איז אַ וווואָד פּיעכאָטע.

דער וווואָד האָט נאָר אַ קוילנוואַרפער,
בלויז אויגן פינקטלעכע און שאַרפע.

און אין דעם שטעטל דעם פאַרשפּאַרטן
די דייטשן זיצן אָפּ און וואַרטן.

זאָל עמעץ פּרוּוון צוגיין נענטער —
וועט ער באַלד ווערן אַ פאַרברענטער.

ווי לאַנג וועט זיך דער דייטש דאָרט האַלטן,
דעם וווואָד ביים שטעטעלע פאַרהאַלטן?

און אָט — מיט בינטל פון גראַנאַטן —
גייט איינער פון די דריי סאָלדאַטן.

אַ ווייל פאַרשוויגן בלייבט זיין נאָמען,
פון זעלבן וווואָד איז ער מסתמא.

געבויגן לויפט ער שנעל אַריבער,
אַ שפּאַן איז צו דער שול געבליבן.

און אָט האָט ער זיך אויסגעצויגן,
פון האַנט פליט אויף אַ פייער־פויגל.

און ער אליין — נישט אָפּגעטראָטן —
בלייבט ליגן אין דעם שטויב פאַרשאָטן.

3

זיי האָבן אים ארויסגענומען,
ווי נאָר עס איז דער רויך צעשוווּמען.

אויף בלייכע אויסגעקאַלכטע באַקן
האָט זיך א ריטשקע בלוט פאַרבאַקן.

די ליפּן בלויע און פאַרפּרעסטע,
ווי צוגעגרייט נאָך צו פאַרמעסטונג.

די הויט אויף אים — אַ האַלב פאַרברענטע,
איז ווער וואָלט דען אזא דערקענט אים?

ווען ס׳קומט אהער אליין די מאַמע —
זי וואָלט געשטוינט און וואָלט געשטאַמלט.

ס׳האָט נאָך פון אים געשמעקט מיט שוועבל,
מיט לעצטער ווארעמקייט פון לעבן.

און מיט דער ווייטער שיין פון פייער,
וואָס איז צעשטערנדיק און טייער...

צי האָט ער זיך אַזוי געענדערט?
צי האָט אים בלויז דאָס ליכט פאַרבלענדעט?

די צוויי חברים די געטרייע,
וואָס זענען גאַנץ ארוים פון פייער,

זיי האָבן נישט געדארפט קיין סימן
און באלד דערקענט אין אים מאַקסימען.

4

צווישן סלאַנים און דער גרענעץ,
וו די הארבע שלאכט געווען איז,

ביים צופוסנם פון דעם שטעטל —
אויף א בערגל ליגט א ברעטל.

וואָס זשע איז דאָרט אויפגעשריבן?
ווער איז דאָ אין וועג געבליבן?

ווער האָט דאָ געלאָזט זיין נאָמען,
ווי א צייכן פון מלחמה?

ווער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן?
ווער האָט דאָ געלאָזט דעם צייכן?

ווער געדענקען וועט מאַקסימען,
זיין געשטאַלט, זיין יונגע שטימע?

אויף א ברעטל — ווערטער שוואַרצע —
צווישן קאזאכסטאן און ווארשע

האָבן אָט די שטילע גראָזן
ווייטער גיין אים נישט געלאָזן.

שטילע גראָזן, דעקט אים איבער —
זאָל די ערד אים זיין א ליבע,

זאָל די ערד אים זיין א לייכטע,
זאָל די אייביקייט אים לייכטן!...

קורץ דעם נאָמען אויפגעשריבן —
צוויי חברים נאָך געבליבן,

צוויי געבליבענע, געטרייע,
ווידער גרייט צו גיין אין פייער.

ס'האָט דער הימל זיך געלייטערט —
צוויי חברים גייען ווייטער.

קאַפּיטל פערצן

1

אונ ערגעץ הײַנט װײַט אױף דער ערד קאַזאַכסטאַנער
איז איצט אויף זײַן װאַכטע געשטאַנען רב שלמה.
ער האָט, װי אין דרימל, נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען,
װי פּותר צו זײַן זיך די שװערע חלומות,
פּאַר עטלעכע יאָר, װאָס ער איז דאָ דער װעכטער,
האָט זיך די געפּאַר פון זײַן לעבן דערװײַטערט.
א שטיק פון דער הײליקער ערד דער פאַרשװעכטער
איז װידער געלעגן צוריק א באַפרײַטע.
נאָר ערגעץ אין בליק האָט געמיניעט א פינטל,
װאָס האָט מיט זײַן אויג נישט געװאָלט זיך צעשײדן:
דאָס איז דאָרט געלאָפן אין פײַער און װינטן
פון מעכטיקן אָנגריף — זײַן חיים, זײַן אײדעם.
קײן פײַער אים האָט נישט געקאָנט דאָרט פאַרברענען,
קײן אומקום אים האָט נישט געקאָנט דאָרט פאַרצערן —
ער האָט שױן געהאַלטן אצינד אין גענענען
צום גליקלעכן סוף פון זײַן װעג פון דעם שװערן.
דער אַלטער האָט קײנמאָל קײן בלוט נישט פאַרגאָסן,
דאָס מענטשלעכע לעבן געװען איז אים הײליק.
נאָר איצטער האָט אים אויף אַן אמת פאַרדראָסן:
אין טויט פון די מערדער באַדאַרפט זײַן באַטײליקט!
זײַן שנאה, װאָס איז װי געלעגן פאַרבאָרגן,
איז איצטער געשטאַנען װי ליכט פאַר זײַן ראיה:
„אויב עמעץ װעט קומען, כדי דיך דערמאָרדן —
דו גײ אים אַנטקעגן, דערמאָרדע אים פריער!"

און אויב אויף זיין מויל איז געלעגן א קללה,
איז דאָס נישט געווען שוין פון שוואכקייט א צייכן —
דאָס איז בלויז געווען ווי א רוף צו באַצאָלן,
א שבועה — דעם שונא אין בלוט צו דערגרייכן.
ווי עמעץ וואָלט פּלוצעם די ווייטן צעעפנט,
דערזען האָט ער איצטער דאָס וואַרשעווער געטאָ.
ער ווייסט, אַז דער איידעם וועט קיינעם נישט טרעפן.
ער ווייסט, אַז אהין האָט שוין חיים פאַרשפּעטיקט...
ווען דאָרט זענען דייטשישע פליער געפלויגן
און האָבן דעם העלדישן אויפשטאַנד געשמעטערט,
האָט עמעצער דאָרטן מיט פלאַם אין די אויגן
מיט פאָן אין דער האַנט צום נצחון געקלעטערט.

2

און אויב ס'איז שוין אַלץ ביזן סוף דאָרטן חרוב,
אויב ס'איז פון די נאָענטע קיינער נישטאָ שוין;
אויב ס'ליגן צעשאָטענע הייזער, ווי קברים,
אויב ס'איז שוין דאָס לעצטע געראַנגל פאַרלאָשן —
איז זאָל כאָטש דער רוויקער שטח זיין אָפן
און אָפּראַמען זאָל אַלץ פון וועג איצט דאָס פייער —
פאַראַן דאָך דער כוח, וואָס גייט איצט באַשטראָפן,
און ס'גייט מיט דער רויטער אַרמיי דאָרטן חיים.
ער איז שוין נישט ווייט צו דער ערד מאַזאָוויעצקער,
ער איז שוין נישט ווייט צו דער ליכטיקער ווייסל,
פון דאָרט בלייבט שוין איבער א שפּרונג בלויז א לעצטער,
אויף גרייכן דעם שונא אין טריפהנעם פּרייסן.
ווער קאָן דען זיין וועג ביז אהין אים פאַרשטעלן?
ווער קאָן דען אין גרויזאַמען גאַנג אים פאַרהאַלטן?
אָ, זאָל בלויז קיין אָטעם אין ברוסט נישט פאַרפעלן,
אָ, זאָל בלויז די ערד אונטער אים זיך נישט שפּאַלטן!
ער שפּירט שוין נישט, חיים, די לאַסט פון דער שנאה,
זי איז זיך צעגאַנגען ביי אים אין די בלוטן,
זיין יעדע באַוועגונג איז גרייט איר צו דינען,
און יעדע סכנה גייט אויס אים צום גוטן.

עס טרעפט זיך אמאל אויך, אז שטילער די שלאכט ווערט,
און דעמלט דערהערט ער די דייטשישע שטימען,
אים דאכט זיך דאן אויס, אז עס האט זיי געבראכט ווער
אויף איבערצוקרייצן די לופט און צעקרימען.
דאס איז דאך דאס לשון פון יענער קאמאנדע,
דאס איז דאך די שפראך פון די שרעקן און גרוילן,
וואס האט אים זיין היימשטאט אין חורבות פארוואנדלט,
אין אש פון מיידאנעק — די יידן אין פוילן.
דאס איז נישט קיין שונא — דאס איז עפעס שווערערס,
דאס איז עפעס מערער — דאס איז, ווי ארום אים
זיי וואלטן מיט שנעלקייט פון שרצים זיך מערן —
דאס איז פון פאשיזם די פינצטערע טומאה.
דאס איז נישט קיין שונא — דאס איז עפעס ערגערס —
דאס איז דער פאשיסט אויף א קופע מיט ביינער.
מען דארף אים דערשטיקן, מען מוז אים דערווערגן,
די לופט אין איראפע זאל ווערן א ריינע.

3

דאס איז נישט קיין אלטע צעבראכענע תפילה,
א הילפלאז געבעט פון א יידישן זקן;
דאס איז נישט דאס מידע געזאנג פונעם תהילים,
דאס ליד פונעם מענטשן, וואס האט זיך דערשראקן.
די ווערטער, וואס האבן פון לאנג זיך פארהיטן,
זיי גייען איצט ווידער ארויס פון זכרון,
זיי ווערן אין רעיון איצט איבערגעביטן,
זיי ווערן איצט איבערגעשטעלט פונעם צארן.
זיי לויפן אוועק אויפן הימל, ווי פונקען,
און שטעלן זיך אויס דארט אין ליכטיקע צייכנס —
דורך ווייטן, וואס זענען פון רויכן פארטונקלט,
זיי דארפן דערגיין און זיי וועלן דערגרייכן.
און שלמה גייט איצטער ארום אויף זיין וואכטע
און מורמלט א שבועה, ווי שטיין וואלט דא חיים.
מיט פיין און מיט ביטערער הארבקייט פארטראכט ער
די גרויזאמע שטראפן פון כפל־כפלים.

4

„און אויב ער וועט קיינעם אין וואַרשע נישט טרעפן,
זאָל ווערן זיין וויטיק געטאָפּלט אויף גבורה;
זאָל ווערן די דייטשישע ערד אים געעפנט,
ווי ס'ווערט דורך דעם דונער געעפנט הער שטורעם!
און זאָל ער אַוועק אויף דעם רוצחישן שטח,
און ברענגען צום שונא אין לאַנד די מלחמה,
זיין גאַנג דורך די דערפער זאָל זיין אויף צעטרעטן,
און זאָל דורך די שטעט אים באַגלייטן דער יאָמער.
זאָל ער דאָרט אויף שטיקער צעשפּאַלטן דעם שונא
און שפּעטער אין שריפה און אומקום פאַריאָגן,
און זיינע אַרמייען, ווי דולע המונים,
זאָל ער דאָרט, דערשטיקטע אין ענגשאַפט, דערשלאָגן.
און זאָל דאָרט נישט וויסן זיין האַרץ פונעם ציטער,
און זאָל דאָרט זיין אָרעם נישט וויסן פון שטרויכלונג.
אַזוי ווי עס גייט דורך די פעלהער הער שניטער —
אַזוי זאָל ער גיין אויפן שלאַכטפעלד דורך רויכן".

קאַפּיטל פּופצן

1

אָ, פּוילישע ערד, דו לייכטסט אויף פון דער ווייטן
אין מעכטיקן זאַלפּ אַרטילערישן פייער,
פון בוג, פון ווייסרוסישן לאַנד דעם באַפרייטן —
עס גייט שוין די רויטע אַרמיי, דיין באַפרייער.
נישטאָ איצט קיין גרענעץ, וואָס זאָל זי פאַרהאַלטן,
נישטאָ אַזאַ פעסטונג, וואָס זאָל איצט פאַרשפאַרן
איר וועג צו דער ערד פון פּאָגראָם און געוואַלטן —
זי גייט איצט צו דיר דורך די לעצטע געפאַרן.
נאָך זיך האָט זי איבערגעלאָזן אין רויכן
די הייזער פון מינסק — דורך פאַשיסטן געצונדן,
און איצט האָט זי דיך מיט ראַקעטעס באַלויכטן —
די נאַציסטישע נאַכט הייבט שוין אָן צו פאַרשווינדן.
אין שיין גייען אויף די בערעזענע וועלדער,
אַ העלקייט שפּרייט אויס זיך אויף נידער פון טאָלן.
אָ, פוילישע ערד, דו דערשיינסט פאַר מיין העלד דאָרט
אַזאַ, ווי ער האָט דיך געזען אין זיין חלום.
געוויס איז זיך שווער נאָך פאַנאַנדערצוקלייבן,
געוויס איז נאָך שווער צו דערקענען די וועגן —
זיי האָבן זיך עטוואָס ווי אונטערגעהויבן,
ווי דו וואָלסט מיט אַלע געגאַנגען אַנטקעגן,
ווי דו וואָלסט וואָס שנעלער געוואָלט איצט געגנען,
וואָס שנעלער אַרויס פון די דייטשישע קראַטן
און זיך אַ באַפרייטע צו לאָזן דערקענען —

די רוסישע העלדן, די ברידער סאָלדאַטן.
די מערהייט פון זיי איז נאָך קיינמאָל געווען דאָ,
פאַר זיי איז נאָך פרעמד סיי דיין ליכט, סיי דיין שאָטן —
דו ביסט פון איראָפּעס פאַרקנעכטעטע לענדער
דאָס ערשטע, וואָס ווערט דורך דער פרייהייט באַטראָטן!
אָ, פּוילישע ערד, דו צעעפנסט דיין שטח,
און באַלד וועט די וועלט דיך דערזען אין די וווּנדן:
די חרובע שטעט און די יידישע שטעטלעך,
וואָס זענען אין אש און אין שטויבן פאַרשוווּנדן.
פאַרברענטע ישובים, פאַרשאָטענע גריבער,
און הייזער, ווי שוואַרצע, פאַרשטויבטע לאַמטערנעס,
און דאָס, וואָס איז בלויז אין דער לופט נאָך געבליבן
פון טויט פון מיליאָנען — דער זכר דער שווערער.

2

ער האָט שוין דורך דעם בוג זיך דורכגעריסן,
און מיט ווייסרוסלאַנד האָט ער זיך געזעגנט.
געוואָרן איז זיין טראָט נאָך מער פאַרביסן,
ווען ער האָט מיט זיין היימערד זיך באַגעגנט.
צי האָט אַרום אים עפּעס זיך געביטן,
וואָס איז אַזוינס געווען אין דער לופט הען,
וואָס האָט נאָך לאַנגע שווערע יאָר פאַרהיטן
א ווידערקול פון עמעצן, וואָס רופט אים?
געגאַנגען איז ער דורך צעשטערטע שטעטלעך,
דורך אַלע געטאָס אויסגעברענטע, וויסטע,
ווו בלויז געציילטע הייזער, ווי די בעטלער,
געבליבן זענען שטיין אויף בערגלעך מיסטן.
פון דאָרט איז קיינער נישט אַרויס אַנטקעגן.
מיט הוילע פענצטער און צעפּראַלטע טירן —
זיי האָבן אויסגעקוקט אויף אַלע וועגן
און חוקא אים געוואָלט צו זיך פאַרפירן.
ניין, חיים האָט זיך שנעל אין שרעק דערווייטערט
פון אָרט, וואָס איז פון קינדער-בלוט געהייליקט.
אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עמעץ שרייט דאָרט

און וויל אין דער נקמה זיין באַטייליקט;
ער איז אַוועק, נאָר בּיסלעכווייז אַרום אים
די שאָטנס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט.
זיי זענען פון דער טונקלקייט געקומען,
בּכדי צו גיין אין מאַרש מיט אים צוזאַמען.
זיי זענען מעכטיקער שוין פון דעם אומקום,
זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין פייער:
פאַרוואַנדלטע אין פלאַמען און אין פונקען —
פון אַלע פּחדים זענען זיי שוין פרייע.

3

ניין, דאָס האָט בלויז אַזוי אים אויסגעדאַכט זיך:
זיי האָבן אים שוין נישט געקאָנט דערלאַנגען.
אין איינעם פון די פוילישע פאַרנאַכטן
אַ יינגל איז פון וואַלד אַרויסגעגאַנגען.
דער קאָפּ מיט ווילדקייט, ווי מיט מאָך פאַרוואַקסן,
די אויגן — שוואַרץ-פאַרוווּנדערטע און גרויסע,
מיט פאַסן בגד אויף די דאַרע אַקסלען —
איז ער דאָס ערשטע מאָל צום וועג אַרויס איצט.
ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע עקן,
געשפּירט די לופט, ווי אַ געהעצטע חיה,
וואָס קאָן זיך נישט באַפרייען פון די שרעקן,
און ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט איצט שטאַרק צעשרייען...
ווען ער איז פון דער פרייער ערד פאַרשוווּנדן,
ווען ער האָט אין דעם וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן,
איז ער געווען אַ קינד נאָך און פאַרוווּנדערט
געקוקט, ווי יעדער בוים וויל אים פאַרהאַלטן.
און בלויז ווען ס'האָט דער הונגער אים געמאַטערט,
איז ער צום דאָרף געגאַנגען און געלויערט,
ביז וואַנען ס'האָט געעפנט זיך אַ כאַטע
און ברויט האָט אים פון דאָרט דערלאַנגט אַ פּויער.
די גרויסע וועלט געווען איז אַ פאַרווערטע,
אים האָט אין וואַלד די טונקלקייט דערצויגן.
זיין צונג געהאַט האָט בלויז געציילטע ווערטער

פאַר דעם, וואָס האָט געלעבט אין זיינע אויגן...
נאָר פּלוצעם האָט מיט א געוויש א נייעם
אין פּנים אים גענומען יאָגן,
נאָר איצטער איז דער קלאַנג געווען א פרייער
און האָט קיין טויט פאַר אים שוין נישט געטראָגן.
ער איז אַרויס פון וואלד זיך איינצוהערן
אין חעם באַטייט פון אָט די פרישע קלאַנגען,
און דאָ האָט ער הערזען דעם רויטן שטערן,
און ער איז אויף דער וועלט אַרויסגעגאנגען.
די טאַנקען זענען איילנדיק פאַרביי אים,
און ער האָט אַלץ געקוקט מיט אויגן שוואַרצע,
ביזוואַנען אים האָט דאָרט באַגעגנט חיים
און מיטגענומען אויף זיין וועג קיין וואַרשע.

4

און אין דעם הארבסט פון ניינצן פיר און פערציק
האָט חיים אויפדאָסניי דערזען די ווייסל.
צו איר האָט ער פון רוסלאַנד אומגעקערט זיך,
כדי מיט דער ארמיי זי דורכצורייסן.
הערזען האָט ער זי דורך דעם דינעם נעפּל,
הערזען האָט ער זי דורך אַ טרערן־שלייער;
ער האָט איר לופט אין זיך גענומען שעפּן,
ווי וואַסער פון א קוואַל — דער מדבר־גייער.
דער ערשטער האָט ער שנעל אַרויפגעקלעטערט
אויף העכסטן גאָרן פון א פראַגער מויער,
אויף צו דערזען און פאַרגעדענקען שפּעטער
און אפשר אויך אויף דורותדיקן דויער.
ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט געפינען
די שטריכן און די טייערע סימנים,
וואָס האָבן בלויז געלעבט ביי אים אין זינען,
ווי שפּורן פון א ליב און היימיש פּנים.
צי איז דאָס נאָר געווען אַ טומאַן דאָרט,
וואָס האָט זיין אויג צעטומלט און פאַרבלענדעט?
צי האָט אין אָט די יאָרן פון זיין וואנדער

דער אויסזען פון זיין היימשטאָט זיך געענדערט?
אָ, ניין, זי ווערט פון רויכן איצט פארשטראָכן,
און אָפּגעמעקט דאָ ווערן אירע דעכער:
דאָס ווערט איצט וואַרשע ווידער איינגעבראָכן
דורך דייטשן און דורך אייגענע פאַרברעכער.
דאָס פאָלק, וואָס איז אַנטקעגן דעם באַפרייער
אַרויס מיט פרייד און וואָפן אויף די פּלייצער,
זיי האָבן איצט ארומגעצוימט מיט פייער
און מיט דעם גיפט פון קאָמאַראָווסקיס העצער.
זיי האָבן אויף דער ווייסל נישט פאַרוואָרפן,
ווי אָרעמס, ווייטע, אויסגעשטרעקטע בריקן,
נאָר אויסגעגעבן זייער פאָלק אויף מאָרדן,
און וואַרשע אויף פארוויסטן און דערשטיקן.
די נאַכט פאַלט צו, עס רייסן אויף די פלאַמען,
און איבער חיימס גוף לויפט דורך א ציטער.
ער ווייסט, אז דאָרט איז מער נישטאָ זיין מאַמע,
און דאָך, ווי ס'וואָלט פון יענער זייט א שפּליטער
געטראָפן אויף אַן אָרט אַן אָנגעווייטיקס —
האָט ער געוואָרט, אַז פון דעם רויך און פייער
זיין מאמעס שטים צו אים זאָל א געשריי טאָן,
און דאָס געשריי זאָל זיין איין וואָרט נאָר: „חיים!”

5

אין יענעם גרויען טאָג פון יאַנואַר
איז נאָכאַמאָל געקומען די געפאַר.

נאָר דאָס מאָל האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט
צווישן חיימס לעבן און דער וועלט.

די ארטילעריע האָט דעם וועג געגרייט,
די טאַנקען האָבן אין א לאַנגער קייט

באַהעפט די ביידע ברעגן, ווי א בריק,
און ער נאָך זיי — ביים טויער פונעם זיג.

נאָר ווען ער האָט דעם צווייטן ברעג דערגרייכט,
איז מיטאַמאָל די ערד געוואָרן ווייך.

ווער שלעפּט פון הינטן אים צוריק אין טייך?
זיין גוף ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מערער לייכט.

אין זיינע פינגער קרישלט זיך די ערד.
פאַרוואָס איז האַלטן זיך אין איר אים שווער?

פונוואַנען איז די שוואַכקייט אין די פיס?
פונוואַנען איז דער דרעמל אַזוי זיס?

אים טוט נישט וויי, אים איז האָך אזוי גוט.
ער הייבט די האַנט אויף און דערזעט דאָרט בלוט.

סאביט איז דאָ, ער טראָגט אים אויף די הענט,
נאָר חיים האָט אים מער שוין נישט דערקענט.

6

אָ, פּוילישע ערד, גיב אים אָרט אויף א קבר
און איבער זיין קאָפּ שטעל אוועק אַ בעריאָזע —
דאָס קומט אים ביי דיר, ווי א ווייסע מצבה!
אינמיטן פון דיינע פאַרנאַכטן די ראָזע
שיק צו אויף א ווייל צו איר לייכטן געבלעטער
דעם ווינט פון די ווייטע, פאַרגאַנגענע יאָרן —
זאָל ער אים דערקענען פון אונטער די ברעטער,
זאָל ער אים דערשפּירן ביי זיך אינעם אָרון.
און זאָל אינעם ווינט די בעריאָזע א רעד טאָן
די שפּראַך פונעם שיינעם און צאַרטן געשטאַמל,
אויף וועלכער ער האָט, ווי א קינד, זיך געבעטן,
אויף וועלכער עס האָט אים געענטפערט די מאמע.
אין נעפּל פון דיינע פרימאָרגנס, די קילע —
דו נידער אַראָפּ אויף זיין קבר די טויען,
זיי מוזן אוודאי געדענקען די שטילע
חלומות, וואָס קיינעם ער פלעגט נישט געטרויען.

פאַרמייד זי, די שוואַרצע, די פינצטערע כמאַרע,
וואָס פליגט אים פאַרהענגען דעם הימל און שטח.
געצוווּנגען אים גיין אויף דער ערד דורך געפאַרן.
נאָר אויב זי וועט קומען אַמאָל שוין — איך בעט דיך,
דאָס פייער פון בליץ איבער איר זאָל א גיי טאָן,
פאַרקריצן מיט פונקען אויף טונקעלע רוימען
דעם נאָמען פון דעם, וואָס זיין פרייד און זיין ווייטיק
האָט ביז צו זיין טויט נישט געוווּסט פון קיין צוימען;
ער האָט זיי דערטראָגן צו דיר דורך דעם פייער,
ער האָט זיי דערטראָגן צו דיר דורך דעם צאָרן,
געקומען צוריק, ווי א זון א געטרייער.
און איז שוין געבליבן אויף אייביקע יאָרן.